STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03060

# IN SHTENDIKN TSAPL

Hanah Shalit

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי

# אויף גרינעם פֿאַרמעט

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ח — 1977

אריה שמרי

# אויף גרינעם פאַרמעט

לידער און פּאָעמעס

ARIE SHAMRI / ON GREEN PARCHMENT
Poems
Publishing-House „Israel-Book" Tel Aviv, P.O.B. 1777

אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט
לידער און פּאָעמעס
פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראיין אין ישׂראל

©
כל הזכויות שמורות

**Printed in Israel 1977** נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 36564



# אין העלן קרײַז

*

אַלץ וואָס האָט אַ שפּור פֿון מײַן באַריר
לעבט אין מיר.
אויפֿן ציפֿערבלאַט בלײַבט דער קרײַז
פֿון יעדער שעה
און קיין פֿאַרגעסונג איז נישטאָ.

פֿאַרשטומטע ווערטער שאָרכן טרײַ, געהיים,
פֿאַרבלינדטע בליקן ווינקען אין מײַן היים
און אויף יעדער גאָרער סתּמיקייט זע איך
סײַ ליכט סײַ פֿליכט — קרוין און הערב.

אַלץ לעבט אין מיר
און ווידערט אין מײַן מינדסטן נערוו.

## די גאָב פון דער פּרי

וואָס כ'האָב אין גוטע מאָרגן־שעהען
מיט ברודער־בוים אַרײַנגעזויגן,
פון ערשטן שטראַל אַ סודיק בלאָען
מיט דאָרשטיק־שטוינענדיקע אויגן —
דאָס האָט אויף אײביק מיך פאַרברידערט
מיט אַלץ וואָס קרײַזט אין וועלטן־עיגול,
און כ'ווייס נישט מער וואָס הויך וואָס נידער,
אַלץ זע איך מיט דער זון באַשפּיגלט.

פרימאָרגן־קלאַנגען אין מיר שאָרכן
מיט ליכט און טוי פון אײדער־אײדער.
אין מיר דערזין טו איך אַלץ האָרכן,
מײַן חלום איז אַליין באַשיידער.
ער ווײַזט מיר אין פרימאָרגן־דעמער
דעם זין פון זײַן און ווערט פון ווערן;
ווי אונדזער ערד וויל ווערן שענער
אַרום דער זון אין קרײַז פון שטערן.

## באַריר

ווי נאָר כ׳ריר אָן
די פּינטלען מאָן,
דעם אויסציר אויף דער סקאָרע ברויט,
ווערט רונצלדיק מײַן הויט
מיט קאַרבן
פון אותיות און פאַרבן.

עס שטראָמט אין מײַנע אָדער־פּעדעם,
דורך מײַן פינגער יעדן
זאַנגענשטענגלער פלייצן
דעם מעשנגאָלד פון ווייצן
און כ׳פיל דעם לעב־געשוועב
פון דער עליפּסע ערד,
ווי זי באַגערט
דעם יוירנדיקן שפּאַר
פון יעדן קערן.

דאָס איז דער שטראָם פון ווערן,
וואָס שפּיגלט אײַן קאָלירן
אין מיר דערינען
און זאַנגלט אין געהירן
מיט אַ הימען.

## העלער חוב

איך גלייב, אַז אַ וואַרעמער שטערן
האָט מיך ווען אַ מאָל נאָענט באַרירט.
זייַן וואַרעם ליכט טוט מיר געהערן
ווי אַ געשאַנק אינעם דור וואָס פרירט.

און דאָס איז דער חוב פון מייַן לעבן,
פון ווייַטסטן נעבטן ביז גאָר אָן־ווען:
אים ווייַטער ווייַטער איבערגעבן
מיט הייסן זונג, מיט העלסטן געֿן.

## דו ערשטע

דו ערשטע, פֿון גאָט פֿאַרטריבן,
דו ערשטע, צו בייזס געבוירן,
אין מײַן בלוט ביסטו פֿאַרשריבן,
אין מײַן מאַרך אַרײַנגעוווירן.
ס׳האָט אויך מײַן צײַט
די גן־עדן־צעפּ די גרינע
מיט איר בייזקייט אָפּגעשוירן,
און דאָך, מיט שלאַנג פֿון שטאָל אויף האַלדז
נאָך דאַנק איך אַלץ
וואָס האָסט מײַן שטאַם געבוירן.

איך זאָג שטאָלץ: בן חוה,
אין מײַן דורס גיפֿטיקן געהילך,
און כ׳טרינק מיט אהבה
דײַנע ערשטע טראָפּנס מילך.

## זינגער־זויגלינג

דער זינגער־זויגלינג
בלײַבט ביז לעצטן הויך
אַרײַנגעטויכט
אין קוועלנדיקן פלייש
וואָס יוירט מיט סודות
ווײַס און הייס.

דורך שפּעלטלעך פון זײַנע אויגן
דער געווידמע פון פינקלדיקע רויגן,
דעם איידער־איידערס טריפנדיקע מילכן
און די ציטערן פונעם געבוירן
וואָס זײַן אויפשרײַ
קאָן קיינער נישט פאַרהילכן.

אַז ווי פון דעם נאָפּל אָפּגעשניטן ?
דער צובונד — אין די שניטן !
מיט הײַטלעך פון חלום
ווערט די וווּנד פאַרצויגן.

און אייביק בלײַבט בײַם קוועלנדיקן פלייש
דער זינגער־זויגלינג.

## שטאַפּלען

אַזוי איז דער דרך פון ליד —
די רגע וואָס גיכער פאַראייביק;
מיט אומרו אויף דנאָ פון געמיט
צו זינגען זון־זיניק און גלייביק.

און דאָס איז באַפוילן פון ליד
ווען אַלץ שוין געמאָסטן, געוווּיגן:
נישט מעסט וואָס אין אַדערן זידט,
נישט וועג וואָס אין בלאָ פון די אויגן.

און זאָל די קורצינקע רגע
מיט גאַרטלען פון רו זיך נישט בינדן,
נאָר ברענגען איר קליינעם זעגל
צום גרויסן פאַרמעסט מיט די ווינטן.

און דאָס איז דער שטייגער פון ליד
אין טיפן געהיימען באַוועגן,
דעם וועג נאָך אַ וועג ווײַטער ציט
און נישטאָ קיין סוף צו די וועגן!

און ס׳מאָנט דאָס ליד נאָך און ווידער
ווען די גלידער קעלטער שוין ווערן:
גיי זוך סײַ הויך סײַ נידער
דעם זעלטענעם וואַרעמען שטערן.

# רגעס ליד

א

קעמערלער זילבן,
שטערנדלער, מילבן,
זיך שיידן און בינדן,
לעשן און צינדן
אין די פֿאַרהווילענע היילן
פֿון בלוט.

זיי שפּיגלען אַרויס פֿון מײַן שלעבט
מיט גלייביקן אויפֿזאָט
צו גוט.

און מײַן האַנט איז גערעכט
וואָס זי טוט,
זי באַהעפֿט זיי אין לידער צונויף.

יעדער אות מיט זײַן פּונק,
יעדער וואָרט מיט זײַן ווונק
פֿון מיר איבער מיר שטערנט אויף.

ב

געהיים קומט דאָס וואָרט
מיט שאַ־שטיל פֿון זײַן שאָרך
און זידט אויף היים־באַרוישט
אין דערפֿריי פֿון זײַן גאַנג
צום געווענד און פֿאַרטויש
פֿון זײַן ערשטן געצוק;
צו ווערן געזאַנג
און זיך זאָגן: גענוג,

ווען באַשטימט שוין זײַן אָרט
אין אַ שורה — זײַן היים,
אַז אַן אַנדער נײַ וואָרט
זאָל קומען געהיים.

ג

אַ נײַ וואָרט
ווי אַ טײַבלנער פּוך,
ווי אַ כּלהשער טוך
איבערן דומם פון ערדן גאָר־גאָר.

דאָס איז אַ ווײַסקייט
פון זינגענדיק בוך,
פון שורות געשפּונען
תּוכיק און קלאָר.

אָט די קלאָרקייט איז סוד
אינעם טונקעלן ראָד
פון גורל־געדריי.

סאַראַ נס
ווען אַ טרעפונג באַשערט
פון ווערטער פאַריתומטע צוויי
און הערסט ווי אַ ליד ווערט פון זיי.

דאָס געהערט צום באַשאַף,
דאָס וואָרט און דער טראַף —
אַ צושטײַער בראשית פון טונקלסטער הייל.

יהי אור — אַ געבאָט:
אַנטפּלעק, מענטש, דײַן סוד —
זינג און דערצייל.

# דער רופא פון פעלדער

נאָך ווינטערפעסטן,
מיט לעצט געראָי פון מויזנגעסטן
אין זשאַווערניש פון רעגן —
ווער קומט דעם קראַנקן פעלד אַנטקעגן ?
ער, דער רופא דער געהיימער
מיט היילנאָדלען פון זון
פאַר זאַנגען און פאַר ביימער.

שוואַך צערעפּעטע די קערנער,
מאָגער־בלאַס די יאָדערן,
נאָר ער, ער טוט פאַראָדערן
טראַנספוזיעס זון,
די העלסטע היילונגען.

כּדאַי צו זען
דאָס סודיקע געשען
און באַוווּנדערן
און פאַרהייליקן.

כּדאַי אים צו באַגעגענען
אין מלקושס רעגענען
מיט ווינטערס זעגענען
און זען זײַן טראָט דעם אײַליקן,
ווי וויאָרסטן־שרומפּן זיך ברייט צעמײַליקן
נאָך דער היילונג פון זײַן האַנט.

ס׳איז חודש ניסן,
דער גרויסער רופא שפּאַנט
אין גאָרן לאַנד.

## דער דעמב

ער פּאַרשפּעטיקט נישט
צו פאַרדעקן זײַנע דאַרן.
ווינט און זון —
זײַנע קאַלענדאַרן,
און ווי נאָר אַ בלעטל מישט זיך איבער
און דעם גראָ אַ בלאָ פאַרבײַט —
צו יעדער צווײַג זײַן דיבור:
פאַרשפּעטיק נישט די צײַט
דײַנע קנאָספּן צו אַנטפּלעקן.

אָט נאָר אָפּגעשיט די בלעטער
און באַלד אָט וועט ער
זיך באַדעקן.

ערשטע שפּראָצן, ווי גרין! ווי לוסטיק!
פּונקט צו צײַט איעדער זאָמען.
נישט אַנדערש — מאַרכן אין אים שטראָמען
לעבעדיק, באַוווּסטיק.

*

אינעם ענגן געאָדער אַלץ שטראָמט און אַלץ זידט,
און אַלץ וואָס אייביק און אַלץ וואָס הייליק
ווערט יעדע רגע צונויפגעטייליקט
מיטן אָטעם פון ליבשאַפט אין טיגל פון ליד.

## פֿאַר דײַן געמעל

נישט בלויז די הימלען האָבן מיר געלעסטערט,
נאָר אויך די אײדלגאָב פֿון מענטשנס גלידער;
גאָטס ריינע פֿרייד פֿאַרטריבן פֿון די נעסטער
און פֿאַרשעמטע אין זינדערײַ געניִדערט.

ביז האַרטע הויטן ווי געוואָרן פֿלויטן
צווישן אָדמס, חוהס — צו זיך אַלץ פֿרעמדער.
פֿאַרלאָשן האָט די ליבשאַפֿט אירע קנויטן
און איעדער — צו זיך אַליין דער שענדער.

דערפֿאַר, דזשאָקאָנדע, מײַן תּפֿילה: ווידער
זאָל אויפֿגיין אַ דערפֿרייונג מיט די גלידער
צו הייליקן מינדסט הערעלע און נאָגל.

דערפֿאַר שטוין איך פֿאַר דיר אַצינד באַגײַסטערט,
אָט ווי דו ראָזיקסט בראשיתדיק געמײַסטערט
און שטרעקסט צו מײַנע דאָרשטן פֿולן לאָגל.

*

העכער פון אַלע רייד
דייַן אָטעם און דייַן שוועבן.
אין ספערן אויסגעשפּרייט
מיט שפּיזלען גאָלד דייַן וועבן.
עס גייען אַלע טעג
נאָך דייַנע ברייטע שפּאַנען.
די אַלצייַט איז דייַן וועג
פון אורוואַלדס שטאָלצע שטאַמען
און תּמיד ביסטו ווייַט,
דאָך לייַכט דייַן העליש פּנים
און ביסט אין יעדער צייַט
דער שטערן אויף די פּאַנען.

## אין שלמהס לאַנדשאַפט

א

זעסטו נישט וואָס אין די שטיינדלעך?
הערסטו נישט דעם ים־סופס שטראָמען?
איך גיי פאַנגען איצט די חנדלעך
פון מלכּת שבאָ — כ׳זע איר נאָמען
אויסגעצירלט בײַ ברעגנס ראָם,
מיט זונצעפּ אַרומגעבונדן,
צווישן צוויי תּכלתן אויף ים
אין איין געוועב אָנגעצונדן;
צונויפגעוויגט אין פלאַטערשײַן
מיט קלוג־מלכותדיקע זיגלען.
זעסטו נישט דאָס גאָלד און דעם ווײַן
דאָ, אין ים־סופס בלויע שפּיגלען?

ב

שערבל־קרישלען, בראָך־וואַזאָנעס —
און דיך אַרט נישט וואָס און וועמענס?!
רײַזעמאַן, נישט דיר מתּנות
מיטן גאָלד פון סוד און רמז.

דו — פאָר ווײַטער, דיר געגונען
וועט איין בליק, ס׳וועט דיר סטײַען.
איך דאָ זוך די טיפע קרוגן,
כּישוף־בלויע פאָרצעלײַען.

לאָז מיך אין מײַן שווײַגיק טראַכטן —
בײַ מײַן שליסל צו געפינסן.
שוין זיך הייבן אין מײַן דאַכטן
די קאַרניזן און געזימסן.

פון אַ ווינקל צו אַ ווינקל
פלעבט זיך עפּעס דאָ געהיימיקס.
זעסטו נישט ווי פּאַרמעט פּינקלט
אינעם אָנוואָרף פון די שמות?

דיר — נישט מישלי, נישט קהלת.
דײַנע וועגן אַנדערש פירן.
אַזוי ווײַניק אין מײַן קעל איז
מיט דער טרויב פון שיר השירים.

אָט אָ קומט דער קליגסטער מלך,
דודס זון, שולמית׳ טרײַער,
מיט זײַן טראָט באַדענקט פּאַמעלעך,
מיט זײַן ליבשאַפט — שטראָמיק פײַער.

דיך וועט ער געוויס אַנטווישן
מיט די שערבלעך אין די שטויבן.
טאָ גיי ווײַטער, וווּ עס רוישן
גרויסע שטעט — פּאַרסמטע טרויבן.

איך — מײַן שלום מלך שלמהן
דאָ אין חורבה בײַ די שערבלעך.
כ׳זע אין ים־סופס בלויע שוימען
ווי שיר השירים בלויט אומשטערבלעך.

# ערשטער אַלף

*

דאָ, אין פעלדנגריין
האָב איך פאַרוועבט מיַין וואָרט
פון דאָרט,
דעם שטאַמל מ א,
וואָס איז צוריק געקומען
צו מיַין דאָרשטיק־הייסן גומען.

נאָך גערויש פון שטעטס הו־האַ,
נאָך וועגנס בלענד און פאַרלענד
האָט ווידער דער שטאַמל מ אַ
מיך צו זיך צוריק געווענדט.

דערזען האָב איך וואָס האָט דערוויַיטערט:
די הויכע ווענט מיט שׂטנס סמען־כּתב;
דעם סם וואָס האָט די וועגן אַלץ מער צעשיַיטערט —
צו חרוב מאַכן גאָטס באַשאַף.

און פון אַ וועלט נאָך מאָרד,
פאַרשוויגן אין מערדערישן שאַ,
האָב איך אָפּגעראַטעוועט דעם שטאַמל מ אַ
מיט לעצטן טריַיען בליק צו דיר אַהין...

און כ׳האָב אים איַינגעוועבט
דאָ, אין מיַין פעלדנגריין.

## ערשטער אַלף

ווידער דו, מײַן ערשטער אַלף,
מײַן קינדיש כּתב — אַ פליגלשוועב...
אַ שוועלבל, פון ווינט צעחלפט,
מאָנט בײַ מיר: מיט דײַן ליד באַלעב.

אין אָוונטגלוט — בלוט און פלאַמען,
דאָרט ווו עס פאַלט די זון פאַרשוועכט —
איר פּנים אַנטפּלעקט מײַן מאַמע
פון אירע טויטע טעג און נעכט.

און ווידער איר שײַניק פּנים,
ווי כ׳האָב געזען בײַ ליכט פאַרשטעלט.
איר שבת־מורמל טוט נאָך מאָנען
וואָס איך אין בלאָנדזשען האָב פאַרפעלט.

כ׳הער פון איר דאָס פרומע ברומען
מיט הייסן צוק פון מאַמע־גנאָד:
קום צו מיר, צום אַלטן ברונעם,
וואָס קוואַלט מיט שטערן און מיט גאָט.

קאָן איך דען איר תּפילה מײַדן
און אַנטרינען אין ווו־נישט־ווו?
עס גליט מײַן ליד אין איר לײַדן
נאָך פון דער וויג, פון ליו־ליו־ליו.

זע, ווידער — איר אַלף ווידער
מיט שנירלעך בלוט באַהעפט דעם בית.
און איר תּפילה שטראָמט דורך לידער
ווײַל אירע טרערן זענען הייס.

## די ווײַסע פֿאַרב

נאָך מאָזלט אויף מיר דער אויסשיט פֿון שניי,
פֿון אַ פֿאַרהוילענער האַנט דער פֿאַרזיי.
ער שיט זיך און שיט אין פֿעלדיקן שניט
און טוט זיך אַרײַן אינעם זאַנגענעם גאַרב
און ענדערט דעם גאָלד פֿון דער ווייצענער פֿאַרב.

דער מאָלער וואָס מאָלט אין ליכטיקן פֿעלד —
פֿאַר אים איז די פֿאַרב פֿרעמד און פֿאַרשטעלט,
אָט די זעלטענע פֿאַרב פֿון וויגל ביז שטאַרב,
וואָס שנייט שיין און ריין מיט באַהאַלטן געוויין.

ס'איז דער לויטערער בלענד פֿון פֿאַרהוילענער ווײַט,
פֿון דער מאַמישער האַנט אויף קינדער־געוואַנט.
נישט קיין שליטה אויף דעם האָט די צײַט
מיט איר פֿײַער און רויך, מיט איר צאָרן און שאַנד.

## אויף גרינעם פּאַרמעט

א

ווי בייז מען טײַטלט: „דו אַנטלויפער״
און מען שטראָפט מײַן ליד מיט האַרבן וואָרט.
מיך אַרט עס נישט, איך מײַד דעם כּופר —
מיך ציט אַ נ כ י פון סיני דאָרט...

אַ צי אַ מאַגישער אַן אויפהער,
מיט אַ ווונק געהיים און אויפגעקלאָרט.
פאַר מײַנע אויגן שטייט דער סופר
און זײַן פעדער שטערנט וואָרט נאָך וואָרט.

זײַן בליק — ביזן סיני, אַלץ אַרויפער —
גרייכט אויך צו מיר אין מײַן טאָליק אַרט.
בראשית שרײַבט דער אַלטער סופר
אויפן גרינעם פּאַרמעט פון מײַן דאָרף.

ב

בראשית — אַ צווײַגל
נאָר־וואָס אַרויסגעוואַקסן.
דער חלל נעמט אים שוין אַרום
מיט גאָלד פון זון
און אַ גאַנצע וועלט
מיט איר גנאָד באַהעלט
זײַן ציטערדיקן וואַקסן.

בראשית — אַ פּראָסטער מיטוואָך,
סאַמע וואָר,
און ווי ליכטיקט ער ביז גאָר
אויף דער גערטנערישער דלאָניע!

איך הער אומאויפהערלעך: „ויהי אור״
אין דער פייגלשער סימפּאָניע.

איז עס זייער לויב פֿאַר דער זונענגאַנג
צי גאָר מײַן שוועב אין חלום־דרימל?
אַלצאיינס!
איך לייען בראשית מיט נײַעם טראָפּ
אויף די פֿאַרמעטן פֿון פֿעלדער־הימל.

ג

אין יעדן ליכטצוק אויף מײַנע ווײַעס —
ער, מיט זײַן כּתב דעם טרעריקן באַטראָפֿטן.
צו מײַנע ברייט־פֿעלדישע יריעות
זײַן גענדזן־פֿעדער האָט ער באַהאָפֿטן.

און פֿרעג נישט חכמהדיק: צו וואָס? פֿאַר וואָס?
קאָנסט אין סוד פֿון האַרץ סײַ ווי נישט טויכן.
הלמאַי, פֿון יעדער גרודע ווינקט אַן אות
און פֿון יעדן זונשטראַל שײַנט אָנכי.

דאָס איז אַ סוד אין געוועב פֿון יאָרן
און איך בין זײַן היטער דער געטרײַער,
ווײַל אויך דעם סופֿרס פֿעדער שײַנט אין אָרון
צווישן אותיות פֿון גאָלד און פֿײַער.

## פון חרובן ברונעם

נאָר אַלץ דאָס טראַכטן און דאַכטן
פון די פאַרשווונדענע וועגן.
וואָס זוכן טעג און פאַרנאַכטן?
אָט יענע זעלטענע רגע
ווען אויף די פינגער פון אייביק
איז מיר געוואָרן געגעבן
מאַמיש־ליב, פאָטערלער גלייביק
דער סוד־געשאַנק פון מײַן לעבן.

דאָרט, צווישן אָרעמע שוועלן
האָט זיך מײַן קינדהייט באַהאַלטן.
זי מאָנט איך זאָל איר באַהעלן,
זינגיק באַלעבן, געשטאַלטן
דאָס אַלץ וואָס איז ווען פאַרפלויגן,
צוריק שוין מער נישט געקומען...
און איך זוך מיט מײַנע אויגן
אויף דנאָ פון חרובן ברונעם.

ווײַט די פאַרשווונדענע וועגן.
כ׳וועל קיין מאָל דאָרט שוין נישט קומען.
נאָר יענע זעלטענע רגע
וואָס שטערנט אויף דנאָ פון ברונעם —
כ׳האָב זי פון טיפן דערהויבן,
איך זאָל זיך אַליין געפינען.
זי שטערנט אויף מײַנע שויבן
און שײַנט אין זונשײַן באַגינען.

## טאָפּלט

שוין דאָרט, אין דער היימנעסט פון מײַן וויגל און וואַקסן,
האָב איך מיט אייביק געמאָסטן לויפיקע רגעס
און דורך שויבן ווײַט־ווײַט, ביז צו ערדענע אַקסן
איז געלאָפן מײַן בליק צו שטערנשע שטעגן.

כ׳האָב בײַם טײַכל געלערנט: דורך טײַכן צו ימען,
און בײַ געסעלעך שמאָלע: דורך גאַסן צו שליאַכן.
און קינדווײַז, נאָך איידער כ׳האָב וויסיק פאַרשטאַנען
די חכמה פון ווערטער און חשבון פון זאַכן —

האָט בײַנאַנד מיט אַ טלית מיך פרום אײַנגעוויקלט
אַזאַ פאַן אַזאַ דרייסטע מיט גלייביקסטע פאַרבן,
און דערפאַר איז מײַן קריעה הײַנט טאָפּלט ציעשטיקלט
און שרײַיִק מײַן קדיש נאָך טאָפּלטן שטאַרבן.

צוויי טרויער־געוואַנטן, אויפן האַריזאָנט ביידע,
צווישן ווינטן פאַרפּלאָנטערט דורך כמאַרעס זיך טראָגן,
און איך זע זיך אין מיטן פון אַ טויטער עדה
אין טאָפּלטער קריעה און אין טאָפּלטן קלאָגן.

## אויף יענע וועגן

אויף יענע וועגן ווער גייט נאָך ווער
און ווו זיי זענען ווען געגאַנגען ?
ס׳גייט אויף זיי מײַן ברענענדיקע טרער
און זוכט די תּפילות און געזאַנגען.

ווײַנט נאָך דאָרטן גאָט ? ווער קאָן זאָגן
ווו די הייליקייט איז באַהאַלטן ?
אַזוי פיל שאָטנס נאָך מיר יאָגן,
דאָך שײַנען זייערע געשטאַלטן.

און זיי, זיי לאָזן נישט פאַרגעסן,
אויך נאָך אַלעמען, נאָך בלוט און שפּאָט,
אַז גאָט פון תּמיד איז געזעסן
אין באַגער פון האָרץ און דאָרט זײַן סוד.

און זיי נאָך ווײַזן ווי צו קומען
מיט צעגרינטן וווקס נאָך זעג און האַק
און גיין דורך בייזע בלוט־געברומען
מיט באַנײַט געבאָט פון נײַ־תּרי״ג...

און מיט אַלטן פאַרמעט — ווידער נײַ
זע איך זיי גייען ווו מ׳גייט נישט מער.
פון יענע וועגן — צום באַרג סיני,
טויטע עדהס — גייען זיי אַהער.

אַזוי שאָטנדיק און פלאַמענדיק,
ווי מידבר־זריחה אין איר מיראַזש.
מיטן סנה אין בראַנד צוזאַמענדיק
זע איך זייער בלוט און זייער אַש.

## די מתּנה פון אָפּשייד

מען האָט שוין דעם שליטן געגרייט,
אַ שליטן אָן גלעקלער, שאַ־שטיל.
אין דרויסן האָט טבת געשנייט,
אין שטוב האָט אַן אַלטינקע גריל
גענאָגט אין אַ וואַנטיקן שפּאַלט.
באַדויערט דאָס אַלץ וואָס אַוועק,
און מײַן זיידנס ווײַסע געשטאַלט
מיט שניי און מיט פראָסט צוגעדעקט — —

אַ שוועב האָט געטאָן צווישן ווענט
מיט געהויך פון אייביקער רו,
צו מיר זײַנע אויגן געווענדט:
אָ, ווי־ווי פאַרלאָזסטו מיך דו ? !..
אַ ליכט אין מײַן אויג האָט געצאַנקט,
אין פיבער זיך ווידער צעבלענדט,
און ס׳האָט אויך פאַרהאַלטן זײַן גאַנג
דער זייגער דער אַלטער אויף ווענט...

נאָר די שעה פון אָפּשייד — אָט שוין !
דער שליטן וואַרט שוין געשפּאַנט.
אַ פויגל פליט אָפּ פון זײַן בוים
צו אַ נעסט אין אַ נײַעם לאַנד...
מען וויקלט אַ קוש אין אַ טרער,
אין מיר, אין מײַן האַלדז עפּעס קרעלט.
פון קבר אַרויס רופט מיך ווער —
מײַן זיידע אין פאַרשנייטן פעלד — —

זאָל וואַרטן דער שליטן בײַ שוועל,
ס׳וועט אויך נישט אַנטלויפן די באַן.
מײַן טראָט יאָג איך גיכער פון שנעל
אַהין ווו נישט קיינער פאַראַן —
ווו שטיין אין תּכריכים פון שניי,
ווו אין שטיין זײַן נאָמען פאַרגריפט,
ווו אין אַ מצבהשער ריי
שטערנט מיט גאָלדענער שריפט:

אברהם מרדכי בן שמואל — —
פּ. נ. דאָ אין שניי — — כ׳האָב אַנטפּלעקט — — —
כ׳קום דאָ נישט שטערן דײַן רועו,
נאָר איידער איך פאָר הײַנט אַוועק —
מײַן שלום דיר, מײַן געזעגן
געקומען כ׳בין זאָגן אַצינד,
באַצאָלן כאָטש מיט איין רגע
פאַר ליבשאַפט צום אייניקל־קינד...

צוריקוועגס האָבן די שנייען
נאָך פראַסטיקער העליש געבלענדט.
ס׳איז געווען אַ גאַנג אין צווייען
אויף אַ וועג וואָס האָט נישט קיין ענד.
דאָס אייניקל מיט זײַן זיידן
קיטלדיק־שנייִק אין ווײַסן.
אַ רויטער זונשטראַל אויףביידן
מיט צוזאָג: תּחית המתים...

ווידער זײַן גלעט אויף די קינען
האָט נאָך אַ מאָל מיך געוואָרעמט,
ס׳האָט ווידער חומש דערינען
געבלעטלט מיט משה ואהרן.
פון זוהר האָט בר־יוחאי
מיט פונקען באַפלאַמט מײַן פּנים —
מיט ליכטיקייט מיך דערפרייען,
מיט ליבשאַפט בײַ מיר צו מאָנען...

שטעטלשע הײַזקעס האָרבאַטע
האָבן זיך אויסגעשטאָלצט גראַדע.
אַ ייִדעלע — ריס און לאַטע,
נאָר פול בטחון אַוודאי,
האָט שלום געזאָגט אונדז בײדן,
אויך צו אים, דעם אינו־נראה,
צו מיר און אויך צו מײַן זיידן
פול מיט כּבוד און יִראה.

שאָטנס האָבן הינטערוויַלעכטס
זיך פון אונדז אַוועקגעבויגן.
אונטער היטלען און פאַטשיילעס
האָט געליכטיקט פון די אויגן.
כ׳האָב געפירט מיט זיך מײַן ליבשאַפט —
שנייען־צוויטן, רויטע בליטן...
אינעם טראַנס פון ערשטער לידשאַפט
האָט געררט פון אָרט דער שליטן.

*

אויך אין כּפירה — אני מאמין.
כ׳האָב נישט פאַרראַטן אָבות׳ שטאַם —
די תּפילה וואָס שפּאַרט פון פלאַמען,
דעם גאָט־פונק־יאָדער אינעם פלאַם.

ער איז אין מיר טיף פאַרבליבן,
אין צובונד פון אברים רמ״ח;
אין ליכט פון מײַנע טעג די זיבן
און אין חצות ווען איך בין וואַך.

און אויך ווען כ׳האָב זיך אָפּגעקערט
צו גיין דערווידער קעגן דיר,
ווען ס׳האָט געצאָרנט גאַנצע ערד
און איך געלעסטערט האָב מיט איר —

האָט דאָך אין מיר אַלץ געווידערט
אַנטקעגן שפּאָטיקן פאַרשעם.
און אויך אין בייזס פון מרידה
האָב איך באַשיצט דעם רום פון שם.

# קרוין און שאָטן

## דער וויכּוח

אַ האַרבער ספק האָט געעקבערט
אין דער קאָצקער לומדיקער פּמליא,
צי האָ בהאָ איז טאַקע תּליא,
ווײַל אַלץ איז שוין פאַרזיווגט משמים,
אָדער אפשר כאָטש פאַרבליבן אַ פּזית
פאַרן רצון, אויף דײַן אחריות
צו ענדערן און צו באַנײַען.

אַז וואָס ווייסט מען דען אין חשבון פון עולמות,
וואָס זײַן ליבן נאָמענס,
צי שטערן שטייען, צי שטערן גייען
און צי זייער ליכט איז עפּעס וואָס מחדש.
צי איז בראשית נאָר געוועזן,
איין מאָל פון גאָט גענעזן,
און דו, מענטשל דו, האָסט נאָר צו זאָגן קדיש...

— וואָס האָ בהאָ?
וואָס מיינט עס איצט און דאָ?
דער שׂטן שטייט יעדן זמן אין מיטן,
די יוצרות ווערן אויסגעביטן,
טאָ ווי זשע דאָס צום יענץ
זאָל אייביק גאָר געהערן?

— וואָס די שייכות האָ בהאָ?
סײַ ווי ווען מיר נישט דערגיין צום דנאָ,
טאָ לאָמיר זיך גאָר אַנדערשדיק פאַרהערן — —

ייִד! וואָס מיינט מען ייִד?
לאָמיר הײַנט צוזאַמען קלערן.

*

ייִד־ייִד —
וואָס דער חוב און וואָס די זכותים ?
און שוין האָט קאָבעדיק געזידט
די לומדיקע חברותא.

וואָס יאָ, וואָס ניין,
וואָס טמא און וואָס ריין ?
דעם ערשטן ענטפער האָט געגעבן
אַ זײַטיקער דערנעבן
בניחותא :
דער זכות אויף ייִד — ער שטעקט אין תּפילות.
אויב דער שמועס מיטן בורא עולם איז דײַן רגילות
בײַ מינחה, בײַ מעריב און בײַ שחרית —
איז אָט אין דעם די זאַך איז !
בעטן, בעטן
און זיך פאַרקנעטן
אין דער ראָטשטינע פון גאָטס הוויה.
אָט אַזוי בלײַבט מען ייִדעלער געטרײַע.

אַ שאַרפן שאָקל : נ י י ן !
האָט געטאָן אַ מחמיר :
סאַראַ אויפטו, סאַראַ זאַך מיר
ווען איינער אין זײַן צרה איז מתפּלל ?
אַ גאַנצע וועלט זיך קרישלט, מענטשן פאַלן,
אַזוי אביונדיק דאָס לעבן ! —
טאָ מער ווי תּפילה — דאָס צדקה־געבן.
נישט פאַרבינדן מיט אַ בענדל
יעדעס קאַרגע רענדל,
נאָר זען דעם אָרעמאַן אין דרויסן,
פאַר דיר דאָך בעט ער די נדבה,

אַט דאָס איז ער דאָך אויסן:
מיט יעדער צדקה־גאָב
דעם עגל־הזהבס קאָפּ
ביַי זיך אין האַרץ צעשטויסן.

נ י י ן און נ י י ן! —
האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דריטער,
מיט צען פינגער אויסגעשפּרייט
ווי צען פּיַיערדיקע ריטער:
וואָס מיינסטו וואָס, ס'איז ווער דיַין נאַר,
אַ פּרוטה גיסטו און ווילסט דעם שׂכר
פון גאַנץ־גן־עדן...
אומזיסטע די גערעדן!
מען קאָן נישט ווערן ביַי גאָט אַן עושר
צוליב איין רגע יושר — —

— ווײ! ווײ! אַלע זענען מיר אביונים,
די גלותן אין אונדז ביטער וויינען.
טאָ בעסער וואַרטן אויפן איינציקן באַלוינען,
אויף דער צדקה פון משיח צדקנו.
יעדן טאָג דאַרף מען וואַרטן ביַי די שויבן,
נישטערן און פאָרשטן און אויסשפּירן,
קוקן אונטן, זוכן אויבן
און פאַרן גואל עפענען די טירן.

אַ ייִדעלע אַ תּם איז אים אַריַין אין מיטן,
אויפן גאַנצן דיבור שמייכלדיק פאַרחידושט:
נאָך וואָס אַזוי פיל חקירות שיטן?
אַ ייִד צו זיַין — מיינט לעבן ייִדיש.
נישט פון היַינט איז די מציאה,
אַ חוב איז עס פון לאַנגע יאָרן,

אַזש נאָך פון ברית בין הבתרים...
מיט דם און בשׂר איז די ייִדישקייט באַשניטן —
און גאָרנישט האָט זיך דאָ געביטן!
דאָס איז ס׳עיקרשטע פון אַלץ,
אונדזער ברויט און אונדזער זאַלץ —
און מער דערוועגן
נישטאָ שוין וואָס צו פרעגן!

און באַלד און שוין,
ווי אַ שפּרונג איבער אַ צוים,
ווי פון גיפּס
וואָלט לאָווע גאָר געוואָרן,
איז די שטילקייט אַרײַן אין צאָרן.
געפלאַטערט האָט אַ פּאָלע,
ווי זיך רײַסנדיק פון סמאָלע,
און מיט אַ פינגער אין דער פּאה
האָט אַ יונגערמאַן געזאָגט זײַן דעה:
וואָס מיינט עס: שוין פון לאַנג —
שוין אַלץ געווען און פּסול יעדע שאלה.
צי גייט נישט מער די וועלט איר גאַנג?
ווערט זי נישט געבוירן אַלע ווײַלע?!
וואָס זשע מיינט עס, אַז פון דערוועגן
איז נישטאָ שוין וואָס צו פרעגן?

און בײַם פרעגער האָט זײַן שטים געזאָטן,
גלײַך געהאַלטן וואָלט ער בײַ די קלאַפּעס פונעם שׂטן.

דעמאָלט האָט ר׳ מענדל געעפנט זײַנע אויגן.
איין אויג — אַ בליץ, דאָס צווייטע — אַ רעגן־בויגן:
אײַ, פרעגן — מוז מען פרעגן,
אין דעם איז דאָך דער עיקר.

גאָטס דרך וואָגלט אויף טויזנט וועגן.
גאָטס גאַנצקייט בלויטיקט אין טויזנט שטיקער.
אַ זינדיקער דער תּם וואָס טראָגט די לאַסט בגוואַלד געבויגן,
נישט געשאַצט, נישט געמאָסטן און נישט געוווּיגן.
צום הימל דאַרף מען קוקן מיט גרויסע אויגן.
אָ, קומט אַרויס אין דרויסן,
אויך מײַן שטוב איז נאָר אַ שטײַג פֿאַר חיות.
קוקט זיך אײַן אין הימל גרויסן,
וואָס עס מיינט דעם מענטשס אחריות.
ווער זאָגט, אַז שטערן שטייען,
ס'איז נאָר דער גליווער אין אויג דעם קליינעם.
די שטערן, אַלע שטערן גייען
אַליין — צוזאַמען, באַזונדער און אין איינעם.

ס'האָט יעדערער זײַן מקום וווּ ער איז מחדש
און צו לײַכטן האָט ער אויך פֿאַר וועמען.
טאָ אויך די שטערן זײַט מקדש,
פֿאַר וואָס זיי צו פֿאַרשעמען?
קידוש־שטערן, חידוש־שטערן —
צו זיי אַ זמר וויל איך הערן
און העכער, העכער פֿאַרשאַרצט די ברעמען.

פֿון זיי קאָן מען לערנען,
פֿון זיי אויך קאָן מען דרינגען,
ווי אַזוי אַ ייִד צו זײַן זיך צווינגען.
אַ ייִד זײַן מיינט גאָר וואַזשנע וויכטיק —
אַ פֿינצטערניש אין לײַב, אין אויגן — ליכטיק.
אָ, נישט סתּם אַ ניצרך, אַ באַדאַרפֿער
מיט מיצווהלעך אַ ווילע זכיה,
נאָר טיפֿער און גאָר שאַרפֿער —
אַז יעדנס ווייטיק אין דיר זאָל ברי̇ען.

גאולה מיינט נישט עפּעס סתּם,
אַ כּזיתל, אַ ברעקעלע, אַ שפּליטער,
נאָר — קוים וויינט אַ ייִד פון יענער זײַט פון ים
דאַרף מען הערן ד אָ
אין יעדנס האַרץ אַ ציטער !..

אוי, סאַראַ חוב אונדז גיט ער —
האָט אויפגעשטורעמט דער גאַנצער ציבור,
געפּאַנגען און געשלאָגן פון ר׳ מענדלס דיבור:
אַזוי, גאָר אַזוי דאַרף מען די זכותים מעסטן,
ווי פייגל אויפן ים, פאַרלוירענע, אָן נעסטן ?!

די ליכטלעך האָבן שוין געצאַנקט,
דער הונגער האָט פאַרלאַנגט
און דאָס תּמע ייִדעלע האָט שוין געגאַרט
כאָטש אַ כּזית
און דאָ, אין דער חברותא —
צו אַ שלום בית.

נאָר ער, דער מתבודד,
אין זײַן מיוחד־שטיבל האָט שוין טיף געשווידערט,
אַ פאַרקלערטער אין נאָכזאָג פון זײַן זאָגן,
אויפן גרויסן שאָטן וואָס טוט אים תּמיד יאָגן
און מיט וועלפנציינער שקראַבען
ווען ער פּרוּווט זײַן אַ מורה־רבים:

אַז פאַר וואָס זאָל איך אַליין אַליינען
און נישט בײַזאַם מיטן ייִדעלע דעם קליינעם,
וואָס ער גייט אויס צו אַ כּזית
און דאָך צו שדי אַזוי טרײַ איז?

פאַר וואָס דען נישט מיט אַלעמען בײַזאַם
און זײַן אין דער מיט מיט אַלעמען אַ מיטער?
עס שרײַט דאָך יעדער ייִד ממעמקים, פֿון זײַן ים,
און איך דאַרף דאָך ציטערן אַיעדנס ציטער...
— — — — — — — — — —

דער ערשטער שטערן האָט שוין געגעבנט צום שטיבל פֿון מתבודד,
זיך צעשפּאָלטן און ציטערדיק געהווידעט
פֿון איבער דעם שמאָלן שוואַרצן קוימען,
ווּ איבער פּלאָם און רויך
האָט געפּונקעוועט גאָר הויך
דער אומרו פֿון די רוימען.

## פאַר גליקעס צער

אין ווורקע וואַרקעט נאָך דאָס אַלטע טײַבל
און אַ ציטריק פייגעלע דערנעבן צוויקעט.
נאָך נישט טרוקן די טרערן פון קאַצקער ווײַבל,
מען האָט נאָר פאַרגעסן אין דעם נאָמען ג ל י ק ע.

פינף און צוואַנציק יאָר אַליין, אין לײַב אַ שׂרפה.
פאַר ווורקער רבין געקומען זיך באַקלאָגן:
ס׳איז מײַן לעבן מיט ר׳ מענדלען עפר־אפר —
אפשר, קאָנט איר, רבי, דאָס אים זאָגן ?..

סאַראַ טרייסט קאָן מען געבן
אַזאַ איינזאַמע פאַרצאָגטע ?
דאָ ברענט אַ לעבן
און וואָס די פסוקים שוין געזאָגטע ? !

דער ווורקער שווײַגט, ליפּן צוגעפּרעסטע.
אויף דעם ספר פאַרמאַכט מיט האַרטע טאָוולען.
נאָר טײַבל, שוועלבל — יעדער אין זײַן נעסטל —
זיי וואַרקען, צוויקען
און קלאַפּן מיט די שנאָבלען...

*

המ־המ... צוויק־צוויק...
ווער וועט זיך אומקערן צוריק
און טענהן פאַר אירע יאָרן אַזוי פרי פאַרשניטן ?
דו טײַבעלע, דו פייגעלע —
איך צווישן אײַך אין מיטן — —
אין אײַער ברומען איר געשטאַלט
און איך הער נאָך שרײַען : מענדעלע געוואַלד !

גליקען זע איך אין פלאַטערן די שטומע
צווישן תּורה־לערנערס, אנשי שם;
צידקות, טהרה, מעשׂים טובים,
נאָר אַלע — בלינדע, טויבע
צו איר קלעם.

די פּרשה אָדם וויל ר׳ מענדל שרײַבן
אין איין בלעטל מיט פּיצינק כּתב.
וואָס מיט חוה — מיט זײַן ווײַבל,
צי אויסגעמעקט גאָר פון באַשאַף?

און נאָך אויף וועמען וויל איך פרעגן,
אויף מײַן זיידן דעם איש־סגולה־ייִד...
פאַרגיט, ווען איך שטעל זיך אַנטקעגן —
גליקעס צער אין מיר זידט.

*

אויב מײַן זיידע צבי יהודה
איז נישט געקומען דיר, גליקע, זאָגן
אַז ביסט גערעכט אַנטקעגן נזיר,
מוז איך זײַן שולד אויף מיר אויך טראָגן
און ווײַל אַ קאָצקער דאַרף אויך קענען קאָצקער האָבן העזה,
קום איך הײַנט פאַר דײַנעטוועגן
טענהן, פרעגן:
פאַר וואָס האָט איר אַלע דאָרט געשוויגן,
פאַר איר ווײַ פאַרשלאָסן די גהערן?
גלײַך גאָטס צוזאָג וואָלט געווען אַ ליגן:
צו מערן און געבערן ווי זאַמד און שטערן — —
וואָס האָט ער געטאָן, דער פּרוש, אויף חשבון דײַנעם,
אין גאָרער טהרה זיך אויסצופײַנען
און דו זאָלסט אין די צערן דאַרן?

מיך טוט עס היַינט נאָך אַרן,
דו, זיידע מײַנער צבי יהודה,
מתפּלל דו אין אויסדערוויילטן מנין,
מײַן צאָרן איז אויפגערודערט,
ס׳איז גליקעס ווייטיק אויך מײַן ענין,
כ׳וועל זיך אָננעמען פאַר איר פאַרשעמען:
אַ זכות ווער האָט געגעבן ווערן
צו זינדיקן צום לײַבס באַגערן
און בת־חוהס יאָמער נישט צו הערן
ווען ס׳קאָרטשעט זיך דאָס לײַב אין גלוסטן־ווייען
און בעט ביַים באַשערטן: קום דערפרייען?
ווי אין האַלבער נאַכט בלויז מיט מלאכים,
און נישט זען דעם זיווג רחל,
יעקבס גאַנג נאָך שעפסן־סטאַדע?
אַוודאי האָט ער די זיבן יאָר געזען, אַוודאי,
טאָ ווי זי יעדע נאַכט געשיקט צוריק
מיט פײַער אין די בליקן,
גלײַך גאָר טמא איז דעם ווײַבס אַ גליק,
גלײַך עולם הזה נישט פאַר גליקען?

פאַר מיר, וואָס קאָצק איז מים חיים אויך נאָך איצטער,
אין מיר אויך צאָרן, נאָך פון דעמאָלט היצט ער:
ווי האָט מען שטיל באַדאַנקט דעם מלביש ערומים
און נישט געהערט די נאַקעטן וואָס ברומען,
די גרינקייטן וואָס דאַרן,
דאָס שײַטל אויפן קאָפּ ווו עס ווערמיקן קאָשמאַרן,
אַז אויך בײַ טאָג זאָל גליקע מוזן נאַכטן, טראַכטן
פון וועגן וואָס אונטער די לענדן
און איר קאָפּ נישט קאָנען ווענדן
צום הויכן גאָט פון זון און שטערן
זײַן הויכן כבוד אַלץ מערער מערן?!

איך זע דיך, גליקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעמען,
דו חלומסט וועגן קינדער, מזל־נעמען...
נאָר זײַן טיר איז אָפּגעשלאָסן,
די טרערן אויף זײַן שוועל אומזיסט פאַרגאָסן.
נאָר טענות האָב איך אויך בײַ דיר צו פרעגן,
צי אַזוי שטיל זײַן טאָר מען מעגן,
דעם צדיק לאָזן מיט מלאכים אויבן
און נישט אַ זעץ טאָן אין די שויבן,
אַז גלאָז זאָל זיך צעשפּרינגען
און אין אַלע עולמות זאָל עס קלינגען
מיט דער עוולה פון גרויסן שׂרף
וואָס איז פאַר דעם חוב פון קידושין
אַליין נישט עָרב ?..

גליקע, יונג אויסגעגאַנגענע,
צו דײַנע פענצטער שוואַרץ־פאַרהאַנגענע
נאָך אַזוי פיל יאָרן קום איך
און מיט דעם אַלטן טײַבל ברום איך,
ווײַל אויך מײַן זיידע מיט זײַן שווײַגן
האָט געזינדיקט צו דײַן לעבן
און איך טו בעטן, אים און מיר זאָלסטו פאַרגעבן.

ס׳פרילינגט איצט אין דרויסן
דאָ אין לאַנד פון שיר־השירים
און איינס נאָר בין איך אויסן,
מיט רויט פון מילגרוים דיך צו צירן
פאַר אַלע פריידן אָנגעווירן
און פאַר די קינדער נישט געבוירן...

דאָ אין פרילינג וויינט די שכינה
און דײַנע טרערן אין די בשׂמים רינען.

# אַ דערמאָנונג פון רום און קאַטאָוועס

פלוצעם.
ווי אַ שטאָך אין שאַרבן —
דער שמוישענער ר׳ חיל,
וואָס פרוּווט אַ יִחוס אַרבן
מיטן שקר פון אַ מופת־שפיל.
ווי האָט מיר וויי געטאָן
דער בלעטערפאַל פון שטאַם —
די קראָטן ביַי זיַין וואָרצל
און אין זיַין סאָק — דער סם!

איך זע אים נאָך אין זיַין געהיל,
דעם שמוישענעם ר׳ חיל
אויפן שליטן דעם באַדערעטן מיט פליוש
מיטן ספּאָדיק איבער אויגענעס פאַרטושט,
זיַין שקאַפּע יאָגט ער ווי אַ בראַנד —
ער, דער בעל־מופת פון אונדזער קאַנט.

איַי! געהאַט אַמאָל אַ זיידן, רבי זעליג,
וואָס האָט זיַין תּפילה אַריַינגעהויכט אין גאָט
און ענוודיק, לייַטזעליק
אויסגעוויינט די צערן פון אַ שטאָט.
פון זיַין רום איז נאָר פאַרבליבן אַ גאָלדענער פּ.נ.
און ווי דער אייניק אָט אַזוי?!
ווייס דער זיידע דען דערפון —
אַז פון זיַין גאָלדזאַנג — בלויז אַ שטרוי?! — — —

נאָר אַ שמוישענער געהיל! —
און ווי ער יאָגט עס, דער ר׳ חיל:
וויאָ און וויאָ — צום פריצס טויער.

מיט אַ מיחוש וואַרט שוין די יפת־תּואר,
די בלאַסע טאָכטער פון גביר.
גיבער, סוסל, גלייַך צו איר!..

ווילדע געגדזלער אין איר חלום
און זיי שטיקן מיט איר טוך...
ער — ער וועט זיי באַלד צעמאָלן
מיט אַ שפּרונג און מיט אַ פלוך:
גיי צו אַלדי... שד, דו מזיק,
פון דער בתולה גיי אַוועק...

דער בעל־מופת יאָגט די שקאַפּע
און גרייט דעם טייַסטער אויפן וועג.
— — — — — — — — — — — —

איך, אַ ייִנגל, האָב געזען דאָן
זייַן קרוין די פאַלשע
און אויפן שניי אַ גרויסן פלעק...

אײַ, דו איינִיק פון זיידעס — ריזן
און דו — ווי ווייניק, אַזוי קליין!
אין מייַנע אויגן — שׂינאה־שפּיזן,
כ׳האָב מייַן צונג געביסן מיט מייַנע ציין.

אַוועק בין איך צו זייַן זיידנס אהל,
מיט אַ געשריי פון טיפער פּייַן:
שטייט אויף, ר׳ זעליג,
און שמייַסט דעם איינִיק
ביז בלוט אַרייַן!
— — — — — — — —

דער פראָסט האָט דאַן צאָרנדיק געברענט.
אויפן ווײַסן טראַקט אַ רויטער פלאַם.
און ס'איז געפאַלן אויף מײַנע הענט
דער בלעטערפאַל פון פרומען שטאַם.

בריט נאָך איצטער אין מײַן שאַרבן
ווען אויף אַרענעס דער שקר הילכט
און עס פרוווט אַ דור פאַרדאַרבן
די זיידעס גוטס, די מאַמעס מילך.

# דעם ראָפּשיצערס שמייכל

לזכר מײַן ישיבה־חבר הרב מאָטל שאַפּיראָ
פון ראָפּשיצערס גזע.

ס׳האָט טענות דער קהל: וואָס מיינט ער דער קינצלער?
מיט זײַנע געזאָגן אונדז אַלע פאַרמינצט ער.
וואָס שטאַרצט ער אַזוי מיט זײַן בליציקן שׂכל?
וואָס קרימט ער אַזוי מיט זײַן ביטערן שמייכל?
גלײַך ער וויל זײַן פּנים אין שפּיגל פאַרטווישן,
מיט חכמהלעך זײַנע די וועלט איבערקערן.
צי איז דען נישט אַלץ שוין אויף לוחות פון משהן
און מען דאַרף נאָר תּרי״ג געדענקען און הערן?..

אָט גיט ער אַ זאָג אַז דער עיקר איז ניגון,
מען קאָן מיט אַ זמר דעם יצר באַזיגן,
און באַלד גאָר פאַרקערט, אַן איפּכא מסתברא:
מיטן מוח צערײַס און צעשליס און צעשאַבּרע,
ווײַל מענטש איז נישט סתּם אַזאַ לעמל און תּמל
צי גאָר ווי אַ פּישל פאַרנאַרט אינעם נעצל — —

בייז ברומט די עדה בײַם מגיד פאַרזאַמלט:
ער שפּעט אויך פון אים ווי אַ פּורימדיק לצל.

און פון אויער צו אויער: ווײ אונדז, אַפילו
אים אין קאָזשעניץ טוט ער אָפּ אַזאַ חילול,
ווי נאָר דער מגיד פון זײַן חולה־בעט נידערט
און גייט צום מרחץ מיט צעבראָכענע גלידער,
מאַכט זיך דער ראָפּשיצער גלײַך ע ר איז דער חולה
און לייגט זיך אויס ברייט אויפן ווייכן געלעגער
און מיט קישן און קאָלדרע טוט ער זיך ווילן.
— אַז ווי, היתּכן? — זיך וווּנדערט דער פרעגער.

נאָך דער ראָפּשיצער שווײַגט, ס׳איז זײַן גאָלדן פֿאַרמעגן.
זײַן שמייכל די תּשובה אויף יעדערנס פֿרעגן:
וואָס ווייסט איר, וואָס מיינט איר, געזעצטע רבותי,
אַז מיר אַלע גאָר שטאַנדיק, פֿעסטע און גרויסע?
ניין־ניין! איך און איר — אַלע זענען מיר קראַנקע
און סײַ ווי אינעם בעט ליגן מיר אַלע...
איר פֿילט נישט, איר זעט נישט די ליכטער וואָס צאַנקען,
איר גייט און איר לויפֿט און איר פֿילט נישט דאָס פֿאַלן.

און פּלוצעם אַ זאָג, אַזוי גוזרדיק תּקיף:
ישׂראל מקאָזשעניץ — גילגול פֿון יעקב.
יעקבס לייטער — נאָך שטייט ער דאָ בײַם צוקאָפּן
און אויף אים מלאכים אַרויפֿן אַראָפּן,
ווי ווען בײַ יעקב — בײַ ישׂראל אַצינדער,
און ווער מיינט עס אַז כ׳ליג דאָ אין בעט נאָר צו ווילן?
ווער עס זעט אַזוי — איז פֿאָלנע אַ בלינדער
און פֿאַרשטאָפּט ווי אַ שטיין — אַ דומם אַ גולם.

און ווידער נאָך שאַרפֿער פֿאַרקרימט זיך זײַן שמייכל,
די בליקן צעבלינצלט מיט שפּיזלען פֿון שׂכל.
דער עולם זיך חידושט: וואָס־וואָס, היתּכן?
פֿון ניגון אַוועק און אין פּילפּול פֿאַרקראָכן.
איז עס דרך פֿון בעשט, דעם חוזהס כּוונה —
מיט זײַן קידער און ווידער אַלץ איבערקערן?
נאָך דעם ראָפּשיצערס פּנים ווי אַ לבנה
וואָס שמייכלט קיל־קלוג צווישן וואָלקן און שטערן.

און פון זײַן שמייכל, אַזוי שאַרף אַזוי ניכטער,
ניצוצות, מאורות פון ליכטיקסטע ליכטער.
זײַן מוח ער זאַמלט מחשבות צו אַרבן
און שאַרפער צו שלײַפן אויף אייגענעם שאַרבן,
ווײַל אָדם איז מער ווי אַ ביצה שנולדה.
אויך אַ ניגון איז שׂכל, חכמה מוז בלאַנקען — —
און פון איבער זײַן שטערן סודיק זיך גאָלדלען
די שמייכלען — די פליגל פון שאַרפע געדאַנקען:

— הערט אַלע, איך וויל איר זאָלט הערן מײַן דעה:
ישׂראל און יעקב — ס׳איז איינער אין צווייען...
אַלע מיר פּאַשען די שעפּסן בײַ לבן
און חלומען רחל אין יעדערן אָוונט,
און יעקבס גאַנג זיבן יאָר — איז טויזנט מאָל זיבן,
ווײַל מען האָט נאָך די רחל אַלץ נישט געפונען;
די שעפּסן געפּיטערט און זיך זעלבסט געטריבן,
און מען זוכט נאָך אַלץ דאָרשטיק די קוואַלן אין ברונעם...

דאָס איז נאָך פון יעקב, גאָר פון לאַנג, גאָר פון לאַנג,
און — ישׂראל דערפאַר אַזוי קראַנק, אַזוי קראַנק,
דערפאַר איז דאָס קישן געוואָרן זײַן נחלה.
רבותי, רבותי, ס׳איז אַלעמענס מחלה,
דערפאַר זײַן געלעגער איז מײַנס אויך געוואָרן
און וואַרפט נישט אויף מיר קיין שמץ תּרעומות.
ס׳איז דאָס קישן מײַן שטיין, דער לײַלעך מײַן דאָרן,
ווײַל קול יעקבס געוויין אין מיר נאָך נישט שטום איז.

אויך איך בין נישט מער ווי אַ טרוקענער קנאָכן,
ווי דער הייליקער מגיד בין איך צעבראָכן,
ווײַל יעקב האָט נאָך נישט זײַן רחל געפונען,
דער טאָג פאַר משיח איז נאָך נישט געקומען,
דער נצח האָט נאָך נישט באַוויליקט די רגע,
די שעה פון יסורים איז נאָך נישט אַריבער — —
גייט אַלע אַרויף אויפן מגידס געלעגער
און הויך ביז אַריבערן קאָפּ דעקט זיך איבער!

— — — — — — — — — — — — —

פון מרחץ איז דער מגיד דאַן אָנגעקומען,
אויף דאַרן לײַב זענען נאָך טראָפּנס גערונען
פונעם טהרה־וואַסער און ווייטיק־טרערן.
ס'האָט זיך גענייגט דער מגיד זײַן חבר הערן,
נאָר שווין דער ראָפּשיצער אין זײַן שתיקה־היכל
מיט מחשבות פון יעקבס בלאָנדזשע־מהלך.
ס'האָט בלויז געבלענדט זײַן ווייזיקער שמייכל:
אוי! ווידער מיט יעקב זיך ראַנגלט אַ מלאך — —

און וואָס אויפן לייטער? בלויז אַראָפּ און אַראָפּ,
נאָר אַלץ העכער הייבט אויף ר' ישׂראל דעם קאָפּ,
די ווײַעס באַווייִנט, נאָר עס ציטערן ברעמען
און אַלע מלאכים אין שטוינען זיך שעמען
פאַר דער תּפילה פון חולה, פאַר איר דערגרייכן,
ווי דער חולה אין חלום אַלץ העכער טוט גיין — —
נאָר אויפן ראָפּשיצערס פּנים, אין זײַן שמייכל
האָבן טיפע יסורים אַנטפּלעקט אַ געוויין.

דאָס האָט אמת פון בלוט זיך טרעריק צעטראָפּנט
ביַי דעם מגידס געלעגער, ביַי זיַין צוקאָפּן.
אַהער האָבן געדראַנגט נשמות און גופים,
אַן עדה אַ גרויסע צו תּפילה גערופן
פאַרן הייליקן רועה, דעם חלוש און גיבור,
פאַר ישׂראלס און יעקבס טאָפּל־נשמה.
מען האָט פון זיַין מויל שוין געהערט קוים דעם דיבור,
נאָר עפּעס אַ דאַנק צו דעם אייבערשטנס נאָמען.

און טאָפּל געוויין און אַ טאָפּל געצאַפּל,
ווי עס וואָלט זיך אין יעדנס פּיַיכטן שוואַרצאַפּל
יעדע טרער גאָר באַזונדער אין זיך געשפּאָלטן.
נאָר די זון האָט נאָך אַלץ געפּיַיערט איר קאָלטן
פון איבער דעם גוסס׳ בלאַס־צאַנקענדיק פּנים,
גליַיך נאָר־וואָס געבוירן, גליַיך איצטער בראשית — —
אויפן שוועל האָט געוואַרט דער עמוד הענן,
וויַיל דאָרט אינעם אַלקער — נאָך עמוד האש איז — —

דאָרטן האָט זיך אַ תּפילה ווייטיקדיק ליביק
מיט טויט און מיט לעבן צוזאַמען געזיווגט,
אויף ראַפּשיצערס ליפּן ביַינאַנד זיך געפּעדעמט,
ווי יעקב — ישׂראל אין יעדן ייִד יעדן.
און ווי נאָר ס׳האָט געשלאָגן די לעצט־לעצטע שעה
און ווי נאָר מ׳האָט דערהערט דעם שלוכץ: ברוך דיין,
האָט דעם ראַפּשיצערס שמייכל געזאָגט: ע ר  א י ז  ד אָ!
פון איצט הייבט ער זיך אָן ווי אַ  י ש  מ א י ן — —

און מיט זיַין זאָג האָט פאַרשטילט דאָס וויינען און שריַיען.

# די „הסכּמה" פון אַכטן

פאַר מיכאַל לוי

שוין דער זיבעטער טאָג אָן רו אויף אַ ווײַל.
נאָך אַ באַרג, נאָך אַ טאַל, אַ מײַל נאָך אַ מײַל,
אַבי צו דערגיין צו איין גוטינק וואָרט...
די אויערן שׂרפֿען, עס פּלאַטערט די באָרד
און זײַן קליינער חיבור אין רענצל פאַרשטעקט
איז שווערער אים ווי זיבן פּעק.

וואָס פעלט דען דאָרט ?
עס גלאַנצט מיט סוד יעדער וואָרט,
אָדם דערין און משה דערין
און יעדער איז שיין
ווי גאָט אַליין
ווען ער הייבט אָן דעם טאָג אין סאַמע באַגין.
און דאָך — פון יעדן אות אים אַ שטאָך,
שוין די זיבעטע שטאָט — אַזאַ עלנטע וואָך !
שטאָט אַריין שטאָט אַרויס
און אומעטום די גאַסן זײַן הויז,
יעדער טאָג אַלץ קעלטער, יעדע שטאָט אַלץ פרעמדער
און בייז איז אויף אים יעדער אַלמער און שטענדער,
פון ספרים געליישטע מיט גאָלד הערט ער דעם דיבור :
וואָס ווילסטו, ר׳ ייִד, מיט דײַן פּיצעלע חיבור ?

דער זיבעטער רב איז האַרטער פון אײַזן,
ער לאָזט נישט דעם דמיון סתּם אַזוי שפּרײַזן :
באשר — וואָס זאָגסטו, אַז צו דער תּיבה איז אַן אָדלער געקומען
און מיט אַ טויבס כּוח וואָלט נישט נח דערשווומען
און אַז גאָר בײַם אררט איז דער הר־סיני געשטאַנען...
ר׳ ייִד, ס׳איז אַ גריץ פון יבשות און ימען,

און בעסער — גייט ווײַטער,
שוין בעסער צו רײַסן גראָזן און קרײַטער.

דער זיבעטער רב — ער איז מחמיר פון אַלע:
וואָס משה און אָדם? דאָ גילט נישט קיין נעמען.
כמאַריק און בייז צעוויגט ער די ברעמען —
זײַנס אַ „הסכּמה” ווי קידושין אַ כּלה,
דויערן דאַרף עס אין טהרה מיט ציטער...
גייט דער מחבר פון אים גאָר געפאַלן
און אַלץ אין אים זוויערדיק ביטער.
דער ווינט אין זײַן קאַפּל, דער ווינט אין זײַן טולופּ
און ער ווי אַן אתרוג בײַם שאָקל פון לולב.
מה נאמר ונדבר? פאַרצאָגט דער מחבר:
ווי וועט ער די שוועל פון אַן אַכטן אַריבער?
און אין זײַן רענצל ווערט שווערער דער חיבור.

שוין די זיבעטע שטאָט הינטער אים,
עס רײַסט זיך דער טולופּ דרים נאָך אַ דרים
און שווער שוין די פיס צו באַוועגן.
נאָר אל־אלהים!
וואָס דאַרט אַנטקעגן?
מיט סאַמעט און זײַד אַ סאָסנעדיק וועלדל
און עפּעס פאַרוויקלען זיך דאָ אַלע וועגן:
ר׳ ייִד, אָט אָ דאָ!
דאָס איז די שעה!

אַזוי גרעזלדיק זיס
די ערד בײַ די פיס.
אַזאַ זיסינקער גנאָד
אינעם סאָסנעדיק ראָד
און שטערן זיך שטעלן צוקאָפּן.

וואָס חשבון פון זיבן ?
גאָרנישט פאַרבליבן !
פון טוי נאָר אַ טריף, אַן איינציקער טראָפּן —
און דאָס בלעטערוואָרג רוישט ווי אַ קינדער־געטענצל
און עפּעס דאָרט טוט זיך אויך אין זײַן רענצל,
דאָס וואַלדווינטל גלעטלט
יעדערעס בלעטל,
היפּעט נישט איבער קיין וואָרט און קיין שורה
און פון יעדן אות לײַכט אויף מיט אַ בשׂורה:
פאַר ווּעמענען אַנגסטו,
פון ווּעמען פאַרלאַנגסטו,
דו פון גזע עילויים
דער יורש און נצר ?
און אַלץ אַרום אים זינגט הללויה
צום חיבור אין רענצל וואָס וויינט מן המצר.

אָט איז ער דער שטערן, זײַן מזל און מלאך
נאָך וואָגל דעם שווערן, נאָך לאַנגן מהלך.
איבער אים שײַנט ער, איבער אים וואַכט ער
און ער טײַטלט צו אים: דו ביסט דער אַכטער
און מוט שעפּ אַליין פון דײַן הייסער נשמה...

כאַפּט זיך אויף דער ייִד מיט חלום באַטרערט
און ער שרײַבט מיט אַ צווײַג אויף דער ערד
זיך אַליין — זײַן „הסכּמה״.

און עפּעס נאָך ווערט אויפגעשריבן
אין גאַנג צוריק מיט שטאָק אויף שטיין:
מען מוז אַדורכגיין וועגן זיבן
אום צו געפינען זיך אַליין.

# אַרום די טראַפּנס האַניק

*

די רגע צווישן בליץ און רעגן
ווען דער שטורעם זיך אַליין פאַרהאַלט
און דער ווילדווינט פון טויזנט וועגן
זוכט אַ שויס ביַי נעסטן אינעם וואַלד —
די רגע האָט אויך מיך געטוליעט,
פאַר מיר צוגעזאָגט אַ נעסטיק הויז —
און דאָך, זי האָט מיך נישט פאַרליולעט,
נישט מיך און נישט מיַין לידערישן ברויז.

## צווישן די סעזאָנען

א

אויפן בוים זינגען נעסטן,
פון שוואַלבן דעם פרילינג אַ זמר צושטייַער,
און איך טו נאָך אַלץ וועגן און מעסטן:
וואָס איז מער אין דער זון
איר גאָלד צי איר פייַער.

וואָס איר ליכט, וואָס איר בראַנד —
וואָס האָט די ערד פון איר איינגעזויגן
און וואָס איז דער אַש אין מענטשלעכע אויגן?

די זון טוט איר עבודה,
קניפּט די גאָלדענע רינגען.
צווייַגן זיך הוידען
און שוואַלבן איצט זינגען:
פ ר י ל י נ ג — אַ זמר אַ נייַער.
און איך פרעג נאָך אַלץ
מיט בראַנדדאָרשט אין האַלדז:
וואָס איז מער אין דער זון,
איר גאָלד צי איר פייַער?

ב

אויף בוים שוין רייַפן מאַנדלצוויטן,
אין פעלד די רייטלונג פון ערשטע מאָנען.
אין אויפוואַך אין דער מיטן —
מייַן אומרו צווישן די סעזאָנען:
וואָס האָב איך אין זיך געביטן —
צי בליט אויך איצטער אויף מייַן פּנים?
געהער איך אויך צום וועלטן־סדר

צי גאָר אַ דרויסיקער באַזונדער ?
די גאַנצע ערד בײַט אירע קליידער
און ווײַזט איר וווּנדער —
וואָס זשע איז מײַן קלערן ?
וואָס דער אומרו אין מײַן טראַכטן ?
צי נישט דער ערד טו איך געהערן
און פאַר וואָס די קנאָספּן מײַנע נאָך פאַרמאַכטע ?

איך פרעג עס בײַ די מאַנדלבליטן
און בײַ די ערשטע רויטע מאָנען :
וואָס האָב איך אין זיך געביטן ?
וווער בין איך צווישן די סעזאָנען ?

## בײַם טיש

דער שטילער טיש — וואָס קאָן מען פון אים וויסן
וויפל פון פרייד פאַראַן און וויפל צאָרן.
פונעם שאַרפן מעסער נעם איך מײַן ביסן,
איך קײַ אַ זאַנג פאַרוויקלט מיט אַ דאָרן.

פאַרגיב דעם ווינט אין מיר, מײַן אומגעדולדיק.
מען לאָזט מיך נישט קיין שטילקייט הײַנט פאַרגינען.
פאַרגיב, איך זיץ אַנטקעגן דיר פאַרשולדיקט,
זאַנג און דאָרן ברויזן אין מיר דערינען.

איך דאַנק דײַן האַנט מיט איר שטיל־פרומען סדר.
אַ „שטיל־לעבן" מאָלט זיך בײַ קרוג און מעסטל.
וואָס זשע פעלט נאָך? די שלווה פאַר אונדז ביידע —
אוי, אין דער גאָב דער ליכטיקסטער פאַרגעסט מען!

ווו זי נעמען, פון וועלכע פריידיקייטן?
ווער וועט זי במתּנה הײַנט אונדז געבן?
ווער קאָן דען אויפן טישטעך הײַנט פאַרשפּרייטן
די ווײַסע ליכטיקייט פון שטילן לעבן?

## עקזאַמען

די חשכות פון דער נאַכט,
די וואָכע שעה מיט דיר בײַזאַמען —
איז מײַן עקזאַמען.

מײַן יעדער ריר זאָגט י אָ צ ו נ י י ן
און וויקלט אויף וואָס טיף פֿאַרבאָרגן —
וואָס אין מיר ווילד, וואָס אין מיר שיין —
דעם בליץ פון אורוואַלד און דאָס ליכט פון מאָרגן.

צי בין איך נאָך דער יעגער אין געצווייַג
וואָס רײַסט די הירשנפעל מיט זײַנע פֿײַלן,
צי גאָר אַ רעטעניש אין נאַכט־געשווײַג,
גאָטס אַן אויסשפּיר־ליכט אויף בלינדע מײַלן.

אין דײַנע צוקנדיקע אויגן
ווער איך געמאָסטן און געוווגן
מיט מײַן ליבשאַפט און מײַן האַסן
אין די שמייכלען און גרימאַסן
בעת מײַן פרירן און מײַן פלאַמען.
ס׳איז די שעה פון מײַן עקזאַמען.

דערפאַר גאָר פרי לאָז איך אַראָפּ די ברעמען.
דאָס טוט אַזוי מײַן שעמען
איידער גייסט אַוועק צו טאָגס געאײַלן.

איך זע אין דײַן העוויה
מײַן אַלט־וואַלדווילדקייט
די תּמיד נײַע:
ווי, אַ יעגער בין איך מיט ברענדיקע פײַלן!

# אויף רויכנדיקער ערד

מיט יעדן טאָג אַזוי,
אין שטראַלנשפּיל פון טאָגן
דײַן בשׂורה שפּרייטסטו אויס,
מיר אָנצוזאָגן,
אַז באַלד, אָט־אָט
וועט ווידער גאָט
אויף ערדן האַרן.

נאָר איך, אין קלעם פון צערן —
איך געטרוי נישט דעם קאַיאָר,
און דורכגעפיבערט פון דער נאַכט,
מיט עקדישן אין מײַנע האָר,
הייב איך אויף מײַן קאָפּ
צו פרעגן: ווי?
און פאָרשן: ווען?
ווײַל אויך אין שטראַלונג פון דער פרי
דעם שׂטנס ברען,
און דער שטראַל פון חסד
קאָן נישט צו מיר דערשפּאַרן.

מיט מײַן פּנים אומגעקערט
צו סדומס רויכנדיקער ערד
פרעג איך דיך:
ווי וועסטו, גאָט, דאָ ווידער האַרן?!

## דו ווײ־דור

דורך שטעכלבערד אויף פּנימער פֿאַרצויגן,
פֿון הינטער טשופּרינעס איבער די אויגן,
זע איך די טרער, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרשטעלן,
פֿון ווײַטן וועלטוועג ביז צו מײַנע שוועלן.

נישט ליד, נישט טרייסט קאָנען מאַכן גרינגער
דעם ריס אין לײַב וואָס מאָנט אַ בינדנדיקן דרים.
אַ האַנט מיט אָפּגעהאַקטע פֿינגער
מאָנט בײַ מיר, ווי בײַ אלהים.
אין באַרגנעסט קרײַזלען זיך נאָך רויכן
און טאַנקען־מאָנסטערס נאָך גלאָצן שטום.
טאָ זאָל אויך די תּפֿילה צו גאָט דעם הויכן
שרײַען, מאָנען פֿאַר דעם בעל־מום.

אומזיסט פֿאַרצויגן פֿאַלשע הײַטלער,
בלאָ פֿאַרנעפּלט דעם מיראַזש.
די בראָך־שעה שווײַגט פֿאַרגעסן, ווײַטלער,
נאָר רויט נאָך פֿלאַטערט דער באַנדאַזש.
ער צינדט אין אויגן אײַערע
אַ שטראָפנדיקע רויט...

דו, דור פֿון נאָך די פֿײַערן.
דו, דור וואָס נאָך אין בלוט.

## אין דערקענען

כ׳וועל האָבן מוט — זיך פון מיראַזשן שיידן,
פון דאַכטעניש דער בלאָער פון גן־עדן,
צו זען די פײַערן אין אָדמס צאַפּל.

חוה איז בלויז זײַן שאָטן. ער איז איינער
אויף האַרט געלענד פון תּוהודיקע שטיינער
מיט בלוט פון גאָט און מלאך אין זײַן אַפּל.

דער זעלבער ווייגעשריי איז אָנגעצונדן
בײַ יעדנס שוועב אינעם געוויר פון ווונדן
מיט בראָך פון געלענקען און ריס פון פליגל.

כ׳וועל האָבן מוט צו זען ווי אַלע זענען,
ווי מענטש, מילב און מלאך צוזאַמען ברענען
אין די רויטע גאָסן פון גורל־טיגל.

## בײַ שויבן

צו שויבן האָט מיך צוגעשמידט מײַן נײַגער
יעדן דורכגייער צו זען מיט ליכט און שאָטן.
נאָך אײנעם גייט חמסין — אַ מידבר,
נאָך צווייטן אַ זאַווײ — אַ טײַגע,
און אַ ווינט גאָר אַנדערש
אין יעדנס אָטעם אָטעמט.

און אַלע אויגן זשמורעז,
און אַלע ליפּן צוקן.
דאָס איז די שפּראַך פון יסורים —
מיטצולײַדן און פאַר דעם זיך בוקן.

איך שטיי אין נײַגער בײַ די שויבן
און אויף די גלאָזן שאַרף איך מײַן וויסן,
אַז מער פון אַלע העלע לויבן
אין די טיפקייט פון די ריסן.

איך זע די שטראַלן זון אין בלענדן
און אַלע וווקסן — די גרינע ליכטער,
נאָר זון און רויז קאָנען נישט אָפּווענדן
די פײַכטע בליקן פון מענטשלעכע געזיכטער.

זיי רופן מיך און איך בין וואַך
צום דינסטן צוק, צו טונקלסטע גרימאַסן.
אויך איך,
ווי אײנער פון אַ סך,
איך פאָרש
מײַן ליבן און מײַן האַסן.

דער בוים אין פענצטער ווייַזט אַ צווייַג
מיט פולן בלי און יונגע שוואַלבן,
אַלץ זינגט,
נאָר איך הער אויך דעם געשווייַג
און ווי אַלע אמתן זיך האַלבן...

בייַ קרוין און וואָרצל זוך איך גרונטן
מיט שאַרפן בליק דורך מאַטע שויבן.
איך האַלט אייַן אַצינד מייַן פרייד די בונטע,
די טרער וואָס שוימט דורך אַלע שפּונטן
איז שטאַרקער איצט פון ווייַן און טרויבן.

אויגן זשמורען, ליפּן צוקן,
און פאַר יסורים בין איך גרייט זיך בוקן.

## פאַר אומבאַקאַנטע

אין מיר אַ צער נישט צו שטילן
פאַר נֵפלער און פאַר נפילים
וואָס האָבן נישט געהאַט קיין זכות
צו זייַן און ווערן.

פאַר זיי מייַן תּפילה:
זאָל כאָטש אַ שייַן זייַן צווישן שטערן
פון זייערע באַגערן.

אַזוי פיל האָפענונג און בשׂורה
איז מיט זיי פרי פאַרשטאָרבן,
און דאָס בלוט פון זייערע שפּורן
האָט מיך באַפאַרבן.

איך האָב נישט געקענט די אַלע,
ווי כ׳קען נישט אין ים איעדע כוואַליע,
דאָך אין מיר ברויזט
איעדער טראָפּן.

און זיי, זיי וווינען אין מייַן הויז
און בייַ מייַן חלום שטייען זיי צוקאָפּן.

## דער פעלדז בײַם ים

א

דו זעסט אים אין גליוועך, פֿראַכט פֿון סקולפּטור
מיט אַ שלייער פֿון שטערן באַצירט.
איך זע נעבן אים אַ בלוטיקן שפּור,
ווי אַ טרער ברויזט אין אים כאָטש ער פֿרירט.

און דו וואָס קומסט דאָ געפֿינען אַ רו,
נישט זוך בײַ אים אַ שאָטן־באַשיץ.
אָט־אָ ציטערט ער אויף, פֿון ערגעץ ווו
כוואַלט אַ טרער, לויפֿט אַ ווינט, צינדט אַ בליץ.

ב

און זע אים אין טאָג־שעה, די זעגלען דערנעבן,
אַ פּלאַטער פֿון גרינגע געשוועבן,
נאָר ער איז עלטער פֿון זיי
און זאַטער מיט טרערן.

און דאָס זײַן באַשערן,
אַלץ זען און אַלץ הערן.
יעדנס שאָטן אויף זאַמד און אויף ליים
אין אים ווערט פֿאַרזיגלט געהיים
מיט זײַן שטומקייט צוזאַמען.

זײַן מאַסקע איז שטאַר,
נאָר אין אים וווינט דער צער
און אַ בראַנדיקער אָדער אין אים
פֿון ווולקאַנען.

ג

ווען איבערן ים אַ זונשטראַל צו לעצט
באַחתמעט שטרענג־רויט די לײדיקע נעץ
און שטום ווערט דער ברום פון פישערס געוויין,
ציטערט אויף ער אַליין, דער פעלדזנשטיין,
פון איבער דעם וויַיסן זאַמדיקן ברעג,
אַנטקעגן דעם ברייטן כוואַליקן העק.

ליידיק ביז גאָר, ס'איז שוין קיינער נישטאָ,
נאָר די טרער אין דער נעץ איבערן דנאָ
אַנטקעגן די שטערן וואָס פינקלען געהיים
צו ערגעץ אַ ליכט אין וויַיט־וויַיטער היים...
דאַן בייגט זיך דער פעלדז אַלץ טיפער אַראָפּ
צו דערהייבן די טרער איבער זיַין קאָפּ.

און קעגן דעם טאָג וואָס אַלץ שוין באַגילדט
פעלדזס כמאַריקער קאָפּ צעצאָרנט זיך ווילד,
און קעגן געוועב פון ראָז און פון בלוי —
ער, ווי אַ וואָלקן וואָס אייביק אַזוי
מיט טרערן נישט אויסגערעגנט פון אים —
דעם ים הייבט ער אויף אַזש ביז אלהים.

## אַרום די טראַפּנס האָניק

א

אַרום די טראַפּנס האָניק פון מײַן טאָג
פֿאַרשווענד נישט לויב און לאַרבערײַ.
יעדעס גליקוואָרט אויף מײַן וואָג
וועל איך וועגן סײַ ווי סײַ.

אויב כּבוד — נאָר דער בין,
די מײַסטערין אין גרויסן פעלד.
זי האָט אָנגעקוועלט
אַ זונגעשאַנק.

איר די מי, איר דער דאַנק.

ב

דאָס בין איך, אין פעלד פון האָפענונג
דער דורכגעשטאָכענער פון ווילדע בינען,
און אַנטווישן וועל איך אַלע נאַשערס
פון לײַכטע פריידן,
אַלע די וואָס האָבן שליסלען
צום גן־עדן.

אין פעלד פון האָפענונג גיי איך אַרום
מיט לידער — שטום,
אָנגעזאַפּט מיט נאַכט
און פול מיט פיבער צום באַגינען.

עס שטערנט נאַכט אויף מיר מיט ווילדע בינען
ווען האָניק פון דער זון אויף מיר טוט רינען.

ג

די בשׂורה

וואָס האָט נעכטן מיך געגערט,
וואָס כ׳האָב יעדן אינדערפרי
אין זיך געהערט
אַ באַיום־טובטע —
איצט הער איך זי
ווי אין שטעכלגראָז אַ בין
אַ פאַרפּלאָנטערטע.
איר האָניק וווּ?
זי קאָן קוים אַ זשומע טאָן.
ס׳איז בלויז אַ ציטערצוק
פונעם צוזאָג דעם הויך־געמאָלדענעם,
אין דער שעה פון זון־געבוק,
ווען וועלטס אומעט קומט
אויך צו מײַן אינדזל
דעם גרין־גאָלדענעם.

ד

די בשׂורה און דער אומעט —
איך ווייס נישט ווער גערעכט.
סײַ בין סײַ ווילדבין —
יעדע זשומעט
און דאָ, אויף מײַן פעלד
איז דער געפעכט.

ביידע פלאַטערן אַרום די בלומען
און זויגן זאַפט פאַר זייער גאָב,
און בײַנאַנד וועלן ביידע קומען
מיט שאַרפער רייצונג צו מײַן קאָפּ.

ווי מישפּטן לויט
די ביסן אין מײַן הויט ?

דאָס איז די שפּיל פון טיפן זומער
אין זײַן קלאָרסטער שײַן.
אַרום מיר פלאַטערט יעדער זשומער
און טריפט די גיפטן אין מיר אַרײַן.

דער האַרבסט וועט זיי באַהאַלטן
און פאַרדעקן מײַן פאַרדראָס.
נאָר פאַרשוויגענע געוואַלדן
וועלן זשומען אין יעדן אות.

און אַרום די טראָפּנס האָניק
פון מײַן טאָג
וועלן פלאַטערן
די בשׂורה און די קלאָג.

## טענות

א

באַשעפער, זאָג, צי זעסטו אויך מיך
ווען מײַן באָרוועס אין בראַנד פון דאָרן.
צי פאַרצוימסטו אויך די פרייד אין זיך
בײַם גיהנום פון שלעכטע יאָרן,
אָדער בלויז מיט שטאָלצקייט דו רעגירסט —
אַ ריז אַריבער ברואים קליינע,
זע, פון ערדן שוועבלט און דו פרירסט,
פאַרפרעמדט צו אונדזערע געוויינען.
אָן רו מײַן טאָגן און מיין נאַכטן:
אַוווּ ביסטו דער האַר פון רחמים?!

ב

מיך האָסטו פאַרפרעסט אין קליינעם רינג,
דלד אמות אין דײַן אַלדי אַל.
נאָר איך בין מורד אין דײַן באַצווינג —
אין ערדנס שטרויכל, אין מענטשנפאַל.
דו האָסט צוגעזאָגט אַ סך, אַ סך
מיט יהי אור פאַר אַלע זונען,
נאָר זע דעם שאָטן אויפן שליאַך —
ווּ, בן־אָדם, ווּ וועסטו דערקומען?
קײַנס שאָטן שפּרײַזט און צינדט דעם מאָרד
אין יעדנס האַרץ און אין יעדן אָרט.

ג

שולדיק ווי מײַן דור קום איך פאַר דיר
דײַן שולדיקייט דיר פאַרצוּוואַרפן.
מיט מיר דער לעצט־גלייביקער וויבריר
פון אַלטע בלאָע ייִדן־האַרפן.

איך גליִיב, אַז נאָך כּדאַי צו מאָנען,
אַפילו לעסטערן אין לײַדן;
אַרויסברענגען די טרער צום פּנים
און נישט מיט שווײַגעניש פֿאַרמײַדן.
דערפֿאַר איצט ברומען אַלע האַרפֿן,
דײַן שולדיקייט דיר פֿאַרצוואַרפֿן.

ד

ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט ערדס געשריי
און אין מײַן אָדערוועב זיך טיף פֿאַרפֿרעסט.
צווישן טויזנט איובס אין אַ ריי
שטיי איך פֿאַר דײַן בלאָער הימלנעסט.
פֿאַר יעדער בריאה אין געווימל
מאָן איך אַצינד מיט פֿויסט און נעגל.
מיך קלעמט די בלאָקייט פֿון דײַן הימל
אַריבער מײַן צעפֿליקטן זעגל.
איך קום — אַ צעבונטעוועטער שקלאַף —
שאָקלען די זײַלן פֿון דײַן באַשאַף.

ה

די גאַנצע ערד איז איצט עקדה
און יעדער בוים קאָן זײַן אַן אָרון.
בײַם וויגל וואַרט שוין דאָס צעשיידן,
קאַזאַרמעס וואַרטן אויף קינדער־יאָרן.
אַוווּ דײַן ברית פֿון בין הבתרים,
די נצח־ברכה פֿון דײַן גומען?
אויך אַ טרער פֿאַלט שוין נישט אויף קברים,
מען שפּרייט בלויז אויס די קאַלטע בלומען — — —
טאָ וואָס זשע זאָגסטו: נצח, דויער?
איך קלאַפּ מיט טרערן אויף דײַן טויער.

## מעטאַלענע שפּינען

אַ שפּינוועבס צו פֿאַנג איז צעוואָרפֿן
פֿון קאַלטע מעטאַלענע שפּינען.
מיט אָפּנאַר פֿון זײַדענע שאָרכן
פֿאַרקלעמט בלײַבט אַ מאָט אין באַגינען.

ער צאַפּלט אין ריסן און שניטן
און פֿאַרשטעלט איז זײַן ווייטיק פֿאַר יעדן
אינעם שפּינוועבס פֿון פֿאַנג, אין מיטן
דעם קלאַמער פֿון תּליהשע פּעדעם.

שוין פֿליגל און גופֿל באַזונדער,
די איידלסטע פֿאַרבן אויסרינען.
אַזוי לעשט זיך לידישער וווּנדער
אין קלעם פֿון מעטאַלענע שפּינען.

און אַלץ אינעם שפּינוועבס פֿאַרפֿלאָכטן,
אין גורל פֿון ערדן און זונען.
אין זונקוועג פֿון דור דעם פֿאַריאָכטן
וואָס האָט זיך אַליין נישט געפֿונען.

און ווי וועל איך שולדן איצט וואַרפֿן
און טײַטן מיט זינדן אויף יענעם ?
איך זע די צעבראָכענע האַרפֿן
און איך שרײַ בײַ סטרונעס וואָס ברענען.

## די פשוטע ווערטער

זיי זענען געוואַקסן אַמאָל אין באַגינען
אין טוי־ליכט אין ראָזן
מיט בלימלעך און גראָזן,
ביז עס האָט זיי די שקיעה מיט צאָרן געצונדן
און זיי זענען פאַרשוואונדן.

אין אַ וועלט אַ פאַרקערטער
האָבן פאַרשטומט די פשוטע ווערטער
מיט קינען צעקרומטע און צעבראָכענעם שאַרבן,
און נישטאָ מער זייערע קלאַנגען
און נישטאָ מער זייערע פאַרבן.

ווער פּרוּווט נאָך אויף ציטרע די בלאַסקייט פון בענקען ?
ווער פליטערט דין־דין אויף מאַנדאָלינע ?
מײַן רחמים אויף זיי — איך קאָן קוים געדענקען
ראָמעאָן און יוליען בײַ פלויטן פון שינאה.

נישטאָ מער די פשוטע ווערטער,
אויף זייער אַש קאָן איך איצט נישט געפינען.

## אין נאָענטן דזשונגל

מיינסטו חיות — די פאַרצוקער ?
מיינסטו שלאַנג — די שפּײַערין פון גיפט ?
ניין, איך מיין די קנױער און די בוקער,
די טינטלער פון חניפהדיקער שריפט.

ווער שטייט דאָרט פאַר די עפּאָלעטן
מיט אַ לויביק האָניק־מויל ?
זײַן ייִחוס פונעם שטאַם פּאָעטן,
נאָר איך זע זײַן בליק דעם נעטן
און ווי זײַן האַרץ איז הויל.

זע דאָס לאַנד אין פלייץ פון בלוטן
און ווי עס זינגט זײַן פרירנדיק געמיט.
ווו די היץ פון מידבר־גלוטן —
דער ווינט, די זון פון אמת׳ ליד ? !

דאָס איז אַ מוט שוין לאַנג פאַרלוירן,
אַ קנױעניש, אַ כּורעים
פאַר דעם באַלאָרבערטן מיט מאַכט.
אָ, קוק זיך אײַן אין זײַנע טרערן
ווען אַלץ אין אים שפּעט און לאַכט.

דאָס איז אַן עלעגאַנץ פון בערן,
ווען לאַנג שוין טויט די לידערס הירש און לאַם.
ס׳איז דאָ, אין דזשונגל פון פאַרסמטע שטערן,
ווו עס פוילט דער שורש פון שענסטן שטאַם.

דאָ יווירט די זרע פון געהיימסטן מאָרד —
דער שקר אין זינגענדיקן וואָרט.

## אַרום אונדזער וואָרט

אי דאָ אי דאָרט, ווו נאָר עס גייזערט אונדזער וואָרט
און צערן זידן און לידער לידן,
קען איך אַזאַ איינעם, אַ שומר פון אַלטע ראַמען,
וואָס שמייכלט ביטער אויף נייַע גראַמען.

וואָס עפּעס — פרעגט ער דווקא — די טונקלעניש פון קאַפקאַ ?
צו וואָס ציגייַנעריש דאָס טאָרקען פון אַ לאָרקע ?
מענטשס שטייגער איז דער רונד פון זייגער
און די ווייַזערס האָבן נאָר איין ריכטונג : שטאַרבן...
טאָ באַנוגן זיך מיט מילדע פאַרבן.

פון אַלע דרויסנס הער איך דעם וווינט דעם האַרבן,
ווי פון אַלע ערדן לאָוועס שפּאַרן —
און ווי טיילן מיט אַזעלכן דעם פיבער פון מייַנע צערן ?

ים אין האַרץ, אין אָדערן גערודער —
רוף איך איינזאַם צו אונדזער גרויסן ברודער,
צו אונדזער נייַוואָרטס געטרייַען פאַסטעך :
קום, שטיי אויף, יעקב גלאַטשטיין,
מיט אַ מוט־וואָרט — תּחית המתים,
און ווייַז זיי, אָט די אַלע לצים,
וואָס זיי נישט קענען, וואָס זיי נישט ווייסן...

אַ וועלט מיט דערנער אויף דייַן קבר ציטערט
און ווער מאָנט שלווה בייַם געזאַנג ?
שטראָף און שלאָג מיט דייַנע ריטער,
מיטן בליץ פון דייַן געדאַנק.

## דו, אָרעם לשון

א

און אַז מען וועט שוין באַווײַזן
פעסט ווי אײַזן,
אַז פון דאָרט און פון דאַנעט,
מיטן חסד פון אַ מאַמען,
האָסטו געשפּראָצט ווי אַ נס —
וועל איך ווידער פרעגן:
ווו ביסטו פאַראַנען
אָט אָ דאָ, אין דעם מעת־לעת?
ווײַז מיר דאָ, אויף די גאַסן אַצינד
אַ ראָזשינקע־מאַנדל, אַ ייִדיש קינד
מיט מענדעלעס מיין,
מיט פּרצעס חן
און ווי שלום־עליכם שמייכלדיק שיין.

און זאָג נישט: אַ מ אָ ל,
און ווײַז נישט: ד אָ ר ט,
פאַרוויג מיך נישט מיט הינערפּלעט.

כ׳וויל הערן דאָס ראָזשינקע־קול
און דאָס מאַנדלוואָרט —
ווי אַ ייִדיש ייִנגעלע ייִדיש רעדט.

ב

אָרעם לשון, קום מיט העזה
פון דײַן מזל און דײַן מאָזל.
פון דלות ביסטו געוואַקסן
און דער אביון־זאַק אויף אַקסלען
איז דיר מיט שטאָלץ באַשערט לנצח.

בײַ דיר די אָרעמקייט דאָ בעט זיך:
ברענג דײַן דורכגעטרערטע האַרף
אַהער, קיין ירושלים.
דיר אונדזער געוויין
און דו מיט אונדז זאָלסט אויך שרײַען — —

מן המצר, אָט ווי דײַן שטאַנד,
אויף גאָרער ערד פאַרשטויסן און צעריסן.
קום מיט אונדז בײַנאַנד
און אַלץ צעבעזעם מיט דײַן געוויסן.

# צו איבערצײַט

*

ווער נעמט צו בײַם בוים זײַן שטילן גרין ?
ווער פֿאַרדעקט דאָס גראָז מיט זשאַרנעם שטויב ?
ווער ביטערט דעם האָניק פֿון דער בין
און טרײַבט צום פֿלאַם די טויב ?

אָט שטייט ער קעגן מיר, דער ספֿינקס פֿון שטאָל.
ער רײַסט מײַן הויט ווי בײַ שאָף די וואָל
און שטראָפֿט דערבײַ : בלײַב טרײַ דײַן צײַט,
אַנטלויף נישט ווײַט...

נאָר איך — איך וואַרף דעם עול.
איך לויף צו איבערצײַט,
צום געטלעכן פֿאַרזיי וואָס נאָך אין מיר פֿאַראַנען.
מיט אים וועל איך אַריבערגיין אַלע טרייפֿענע טומאַנען.

## גראָז־זאַנג־בוים

ווי אַ גראָז מוז איך וויסן,
אַז טלאָיִקע קריצן
וועלן די לאַנגע באַפּלעקן
אין אָנקום פון פרילינג
מיט ניַי־גראָז־באַדעקן.

ווי אַ זאַנג דאַרף איך קאָנען
מיט די שטעכלען און מאָנען
חמסיניק זיך צינדן,
צו קומען דורך קלעמען פון פיַיער
צום שיַיער.

און ווי אַ בוים — געדולדיק צו דאַרן,
ביז אַ צוויַיגל קוים־קוימיק וועט ווידער דאָ בליִען,
ביז אַ וואָרצל פאַרהוילן וועט ווידער דערשפּאַרן
פון גאָר טיפע יניקות צו ציִען —
און ווי ער, מיט וווּנדיקע סענקען,
אַן עפּל אַ זיסן וועט שענקען.

# נבֿיא

ניט זע, אים אין אַ שעפּסן מאַנטל,
אַמאָל אין נס — איין מאָל בלויז אַנטפּלעקט.
ער שפּאַנט און שפּרייזט אין וואָגל־וואַנדל
ביז אַצינד, אין שלעכטסטן טאָג פון טעג.

נישט זאָג: געוועזן — און פאַרגעסן שוין.
נישט שטעל דעם נבֿיא אויף פּיעדעסטאַל.
ביי יעדן טראָן און ביי יעדער קרוין
דערהייבט ער אונדז פון געקני און פאַל.

אויף דער שוועל פון יעדער טרויער־היים,
פון יענער זייט לאָדן פון דער נאַכט.
און קעגן געצקעס פון גאָלד און ליים —
אין דער בלאָער איינציקייט פאַרטראַכט.

בלאָ־בלאָ, בלאָ־בלאָ אומעטום ווי דאָ,
ווו נאָר דער הימל איז אויסגעשפּרייט.
ווו נאָר טרערן זידן אויפן דנאָ
און וואַרטן אויף אַ וואָרט גוטערהייט.

ווי אין ירושלים — אויך פּאַריז,
אויף „רעפּובליק" ווי אויף דודס גאַס...
פּלוצעם ווייזט ער באָרוועס זיינע פיס
צווישן די ריטשקעס פון בלוט און האַס.

ער קומט ווו עס זעען אים געדאַכט
די וואָס שלוכצן צום ברוק מיט צער.
און אויף אים וואַרטן אין רעגננאַכט
דער מלך אבֿיון און דער קלאָשאַר.

# ביַים ביג־בען

אַזוי פֿאַמעלער גייט דער ביג־בען,
צוויי וויַיזערס — טשערעפּאַכעס.
קעגן זיי שטײַגט מײַן פּחד,
איך זע דעם ציפערבלאַט אַ צעריסענעם
און מײַן אומרו — מיך דאָ יאָגט ער
צו דיר ראָבין הוד דעם וואַלדיקן
און צו דוליטל דעם דאָקטער,
צו אײַך דיביידע יושרדיק־געוויסענע.

אין טאָפּלשײַן פֿון טעמזעס לאָמפּן
שליס איך מײַנע אויגן
און איך זע ביַי טורעמער אַ פּאַנאָראַמע וואַלד...
פֿון דאָרטן צילסטו, ראָבין הוד,
מיט צוויט און בלוט
פֿליט דײַן פֿײַלנבויגן,
און ביז צום ביג־בען אַ רעגן־בויגן.

מיר דאַכט, פּאַלאַצן איצט צעפּראַלן זיך,
לאָרד און מלכּה אין אַנגסטיקן געלויף.
לעגענדעס פֿון אַלטוואַלד איצט באַשטראַלן מיך
און איבער נעפּלען מײַנע אויגן הייב איך אויף.

אַריבער שטאָט, אין פֿאַרנער נאַכט פֿאַרטוליעטער,
מײַן האָפֿערדיקער שטערן זיך צו מיר באַווײַזט.
לעגענדעס טריפֿן מיט זאַלב פֿון דאָקטער דוליטל,
וואָס קומט מיט רחמים
ווי דער פֿרילינג קומט צום קאַלטן אײַז.

## אין דער ליקוי־חמה

אין דער מיט, אין קאַראַהאָד פון די וואַנדלער־ביטן
אַ פויגל אַ פּעך־שוואַרצער ציט די זנאָבער־קוויטן.
אַלץ שפּילט און פאַרשפּילט, עס בלינצלט די ליקוי־חמה.
עס שפּילט דער הפקר מיט די רויכנדיקע סמען.

אַלץ שמאַכטיקט אין דער קלעם פון צאָרניקער היפּנאָטיק
אַנטקעגן יינגלינגען וואָס ברומען טראָציק־שפּאָטיק.
די נאַכט אין זייער מראה, שׂטן אין די וויַעס.
אַזוי האָרב די קללות און פינצטער די נביאות.

נאָר איינער קעגן אַלע שטייט דאָרט נישט דערשראָקן,
מיט אַ באָרד אַ בלענדיקע אַ געהיימער זקן
און פון אים דופּטיקט אַ ציכטיקייט פון צוויטן.

אַ הויכע שטראַליקייט — זי שפּאַרט אַדורך דעם עיִגול.
דער שוואַרצער זנאָבער־פויגל גיך פאַרשרומפּט די פליגל
און עס צעלויפן שטוינענדיק די וואַנדלער־ביטן.

## צו ברידער שרעטעלער

קומט, שרעטעלער, קומט
פון וואַלדהײַלן ווײַט
און זינגט מיר און ברומט
אַ ליד אַנטי־צײַט
קעגן איר וואָס געמיין
האָט אַלץ אָפּגענאַרט,
פאַרשטומט מענטשס געוויין
בײַם קנוט פון באַרבאַר;
צעפּלאַצט יעדע האַרף,
לעגענדעס פאַרמעקט,
מיט מעסערס צעשאַרפט,
מיט אַשן פאַרדעקט.
אָ, קומט, גיכער קומט
איר וואַלדיקע לײַט
מיט זינגיקן בונט
פון ווײַט־איבערצײַט
צו מאָרגנס אָן ווען,
להכעיס דער וואָר —
זינגט אויף מיט אַ ברען
דאָס ליד איבערדור.
איר קליינע ביז גאָר
מיט בליקן אַרויף,
נעמט מידסטע פון דור
אין אײַער געלויף
מיט שטערן אין בערד,
מיט הירשיקן בליק,
און קאָלערט די ערד
צום זונראָד צוריק.

## אין אַ צפֿתער נאַכט

אַ זמר שוועבט דאָ אין די בלאָע לופֿטן,
פֿון שבת־זמירות אַ צונויפֿגעהויכטער.
חקל תּפּוחין — זינגענדיקע דופֿטן,
אַ לבנה־עפּל — פֿון הייכן לויכט ער.

אַזוי קורץ מײַן האַנט, ווי צו אים דערלאַנגען
אין מײַן געוואָקל אויף דעם אַלטן טרעפּל?
איך, בן־אָדם פֿון אַ דור אָן געזאַנגען
וואָס קאָרמעט מיך מיט אַ פֿאַרסמטן עפּל — —

איך פֿרעג בײַ דיר, נעבן שטענדער פֿון אר״י,
צי זעסטו אויך מיך אין געקני און פֿאַל מיט
אַלע מײַנע פּענער פֿון גאָרע וועגן?

לאָז מיך דאָ איין נאַכט דײַן אורח זײַן ביז פֿרי,
כ׳וועל וואַכן דאָ ווי דײַנס אַ טרײַער תּלמיד
און באַהויכט מיט נצח גיין דעם טאָג אַנטקעגן.

## גערענקסטו, ירושלים?

א

אין סדר פון דײַנע יאָרן, אין שווײַגן פון דײַן געשטיין
האָט דאָך מײַן שאָטן זיך געקאָרבט
מיט דער שבועה אויף מײַן רעכטער האַנט,
אַז נישט פֿאַרגעסן וועל איך דיך — —
צי געדענקסטו אויך אין מיר, ירושלים?

מיט אָפּגעברענטן פּנים און מיט אַנטבלויזטע קני,
מיט דאָרשט און מיט אַ סקאָרינקע אין בוזעם
האָט מײַן האַרץ צו דיר געזוכט — —
וואָס? איך ווייס נישט וואָס.
רוף עס אַן משיח — רעליעף פון דײַנע שטיינער;
רוף עס אלהים — די קרוין פון דײַנע וועלבן;
צי גאָר וועלט — דער שפּריי פון דײַנע שטויבן.

אין סוד פון דײַנע יאָרן, אין שווײַגן פון דײַן געשטיין
זוך איך דאָס ליד וואָס שווײַגט באַהאַלטן.
ווו דער כּותל אין די הערצער?
ווו דער כּוכב־דוד אויף די שטערנס?
ביַי וועמען פרעגן און ווו וועל איך אַן ענטפער הערן?

אַלע גייען מיר הײַנט יורד־רגל
ביַי קאָטשן פון די רײַכע,
יעדער איינער — קרבן עולה.
כּהנים פון רוטינע שינדן הײַנט די פליישן,
עס רויכערן מזבחות, עס פעלשן קאַבינעטן — —

ווו וווינט דער נביא?
וואָס שווײַגן די פּאָעטן?

ב

— ניין, כ'האָב נישט פאַרגעסן — האָט געזאָגט ירושלים
מיט אַ קול אַ שטייניק שטאַרן:
מײַנע איצטערס אַצינד דיך אַרן
נאָר ווייס, אַז ברייט מײַן צײַט מער פון אַלע קאַלענדאַרן.
אין טיפסטן שפּעלטל פון מײַן וואַנט
גרינט אַ גרעזל גאָר אומבאַקאַנט
מיטן דופט פון איבערמאָרגן —
טאָ קום צו אים מיט האָפענונג פאַרבאָרגן
און טריף אויף אים אַ טרײַען טראָפּן
פון דײַנע זוניק־פעלדערדיקע שווייסן.

איך האָב אַ בליק געטאָן צום הר הזיתים,
ווו איבער די שיפועים נשמות טליִען
און טויט און האָפענונג האָבן זיך געוויגן
אויף די שאָלן פון מײַנע אויגן.

ס'איז נאַכט געוואָרן,
די זון אויף בערג ווי אַ פלאַקערדיקער דאָרן
און אין ערשט־לבנה־שײַן האָט אַ זקן צו מיר גענענט
מיט אַ גיפּסיק פּנים,
כּלומרשט אַ מטבע בײַ מיר צו מאָנען — —

נאָר איך מײַן האַרץ האָב אויפגעעפנט
פול מיט גאָלד פון האָפן.
אויף זײַן אַקסל איז געזעסן
די שלווה פון אין־סופן.

ניין — האָט ער געזאָגט, ירושלים האָט דיך נישט פאַרגעסן.
זע, אַלע טויערן שטייען אָפן!

# אין שאָטן פון קאָרקאָוואַדאָ

א

פון דער פרי האָט ריזאַ שוין געטופּעט
מיט גלאַנץ פון מעש, מיט שווערקייטן פון קופּער,
און איידער נאָך די שפּיצן בערג האָט באַרירט באַגינען
האָט מען שוין אַרויסגעפירט די מאַנעקינען,
הוידענדיקע גולמס, פּוכיק אָנגעדראָלן,
צו די גאַסיקע אַרענעס, צו די וואַזשנע ראָלן.

אין פלאַמענדיקן פּורפּור, אין בעמבען פון טאַמבורן
האָט קוים געהונקען אַ ריזיקע קענגורין
און אַ דזשונגלדיקע אַלטע שקלאַפין —
אַ שלאַנק־באַזילבערטע זשיראַפין
איר האַלדז צו אַ הויכן ווייַנפאַס האָט טורעמדיק געצויגן,
אַרויף אַרויף מיט בלוטצונד אין די אויגן
פון דער יום־טוב־זון געצונדן.

אַזוי האָט די שטאָט געפּרוּווט פאַרבינדן אירע וווּנדן.
נאָר אין בורלעסק דער טיפער צאָרן,
אין בלומענרעגן — אַ שאַרפער דאָרן,
און צווישן פּאַלאַצן און רויִנען
האָבן געזשומעט בייַסנדיקע בינען.

אַ פלאַש האָט ווער געשלייַדערט פון הויכן גאָרן,
זי איז צעפאַלן אויף טויזנט שפּליטערס,
און אין די טופן און געדראַנגען
האָט געביטערט און געוויטערט.

אין קאַראַהאַד, אין סאַמע מיטן
איז דער דזשונגל אַרייַנגעריטן.

ב

פון איבער בערג דער ווינט פון דזשונגל
געוויזן האָט זײַן שאָטן־פּנים.
פון יעדן גלעקל האָט אַ צינגל
אַרויסגעהילכט מיט דער סכּנה.

און אַלע סטענגעס און שאַלמויזן,
די באַלאַנען און די לאַמפּאַסן,
מיט די קרוינען און מיט די רויזן
האָט דער שטורעם פאַריאָגט פון גאַסן.

אין טיגערפעל האָט דאַן אַ הויקער
אַ געשריי געטאָן : גענוג, גענוג !
מיט צאָרן האָט ער אַלץ צעבויקערט
און געריסן שטיינער פונעם ברוק.

ס'האָט דער טאַנץ זיך גיך פאַרהאַלטן
און אײַנגעשרומפּן דעם קאַראַהאָד.
די פרייד האָט זיך געמוזט באַהאַלטן
און זי איז אַנטלאָפן פון דער שטאָט.

צום ראַנד פון ים, צום פאַרע־נעפּל,
נאָך איר די וועלדער פון קאַניבאַל.
דער שוועב פון טאָג האָט זיך צעשוועבלט
און האָט פאַרחתמעט דעם קאַרנאַוואַל.

אויף צומאָרגן האָט ריִאָ ווידער
מיט די עקבוירן געשרויפט, געווערקט.
נאָר דראַקאָנען האָבן גענידערט
אין שוואַרצן שאָטן אַריבער בערג.

ג

נאָר איינער בלויז איז דאָרט פֿאַרבליבן,
אַ בלינדער פֿײַקלער צווישן ראָגן.
דורך גאַנצער וואָך, די מעת־לעתן זיבן
געשפּילט, געשפּילט ביז... זײַן באַקלאָגן.

מיט אַכטן טאָג האָט מען געפֿונען
זײַן האַנט פֿאַרפֿרעסט און בייניק טרוקן.
זיבן לבֿנהס, זיבן זונען
האָבן גענידערט זיך צו בוקן

צו זײַן פֿײַקל און צו זײַן שטעקל
וואָס אויף צען פֿינגער — וואַקסליכט דינע.
אים האָט פֿאַרדעקט אַ בידנע רעקל
בײַ דעם גאָלדבליאַסק פֿון אַ וויטרינע.

אינעם פֿײַקל האָט נאָך געוווידערט
פֿונעם סאַמבאָ דער ווילדער עכאָ.
מיט אים אין קבֿר האָט גענידערט
אַ שטאָט מיט פֿײַער אויף די דעכער.

אַ ים, אַ וואַלד און צענער שבֿטים
מיט הייסן לוסט און טיפֿן קומער.
ס׳האָט אַלץ פֿאַרגליווערט אין זײַן אָטעם
און אויך די זון האָט זיך פֿאַראומערט.

בלינד האָט דעמאָלט דער קאָרקאָוואַדאָ
געגלאָצט פֿון הייכן מיט זײַן צלם.
ס׳איז נאָר פֿאַרבליבן אַ באַלאַדע
פֿון טויטן פֿײַקלער צו דערציילן.

ד
טעג און וואָכן האָב איך געבלאָנדזשיקט
אַ באַגלייטער פון זײַן שאָטן
און מײַן אומרו האָט געאָטעמט:
צי איז נאָך פרייד ווו פאַראַנען,
צי גאָר פון לאַנג פאַרלוירן און פאַרפאַלן.
און כ'האָב געזוכט פאַר ווענען אויסצוטענהן
מײַן דעליר נאָך קאַרנאַוואַלן — —

נאָך די פײַערן דעם אַש,
דעם פאַרלוירענעם קוראַזש,
די קנייטשן אויפן פּנים.
און אויך דאָס בלוט
וואָס נאָך יעדן מוט,
דעם ריס אין אַלע העלע פּאָנעץ — —

איך האָב געפּאָרשט בײַ האַר און בײַ לאָקיי,
בײַ בעטלערס, דינסטינס און קלאַונעז,
אויך בײַ די גיסערס פון מעטאַל,
און כ'האָב נאָר געהערט אַ ווינד־און־ווײ
און אַ פאַרשוויגן ברומען:
דאָס איז דער גאַנג צום פאַל
פון אַלע זונען.

מיט קאָפּ פאַרגראָבן אינעם מאַנטל
בין איך אַוועק אויף געהיימע שטעגן
צו אַ מאַלפּע, מײַן יִחוסדיקע טאַנטע,
אפשר גאָר בײַ איר דערפרעגן.

אין אָוונטליכט אין חיה־גאָרטן
האָב איך געפּאָרשט איר חיהש פּנים:

זאָג, וואָס האָב איך געברענגט פון דאָרטן
און ווער אין ווּעמען טוט דערמאָנען...

דעם טאָג האָט שוין געקילט אַ ביסל
אַ ווינט אַ לינדער און ניחא גאָר.
די מאַלפּע האָט געקײַט אַ ניסל
און גלאָט געקעמט די שטײַפע האָר,
נאָר דעם טיגערס שפּרונג
און זײַן רויטע צונג
האָט געשראָקן קינדער,
און איך האָב אויך געזען געווילד
אויף אַ פּנים איידל־מילד
אונטער אַ צילינדער.

דער שלאַנקער נאָבלמאַן
האָט זײַן גומיצוקער נחתדיק געקײַט,
נאָר איך האָב געזען זײַן טאָפּלשפּאַן
בעת זײַן ליבעניש אין זײַט.
אין אַ הירשין האָט ער פאַרפּרעסט די ציין
גאָר עלעגאַנט און ריין.

פאַר קינדער האָט ער צעטיילט זײַן קײַ־געשאַנק,
אויך צוגעשמייכלט צו זייער דאַנק.
נאָר איך וואָס האָב געזען דאָס אַלץ
האָב אויך געהערט דאָס ריטשען אין זײַן האַלדז,
דעם געוואָי וואָס אין זײַן קעל,
ווען לעצטע שטראַלן האָבן געשטרײַפט
זײַן גלאָט־מאַסקירטע פעל.

דער טאָג האָט שוין געשיידט די לעצטע שעה,
אַ פויגל האָט געפּרווּט פלאַטערן מיט בלאָ,

נאָר מײַן אומרו האָט געזאָגט:
עס גייט אַוועק דער טאָג
און אויך דו ביסט שוין נישטאָ,
פויגל בלאָער, ביסט מער נישט בלאָ.

און צווישן שטײַגן בין איך פאַרבליבן איין אַליין,
איבער מיר די שטערן מיט שטשירענדיקע ציין.

ה
און דעמאָלט דיך האָב איך באַגעגנט,
פון קאַרנאַוואַל שוין אָפּגעזעגנט,
ווי מיט פליגל אַנטקעגן גיין...

טאָ ווי האָב איך געזאָגט דעם פויגל,
אַז ס'איז שוין מער קיין בלאָ נישטאָ?
עס בלויט אַרויס פון דײַנע אויגן
און דו ביסט דאָ.

ווער דאַרף שוין איצט די קאַרנאַוואַלן,
דעם שטאַרקן פלייץ, דעם ברייטן שטראָז?
סײַ באַקכוס סײַ עראָס זענען געפאַלן
און ווײַן און ליבשאַפט נישט געלאָזט.
דער טויט נאָר איינער געטרײַ באַגלייט
זײַן בלינדן זון, דעם פײַקלער אויפן ראָג — —
הער, איין־אַליין דאָס פײַקל גייט
און אויף אַלע גאַסן בראַך און קלאָג.

אַ בייזער ברום האָט אונדז געיאָגט
און נאָענט בײַ דײַנע פליגלדיקע טריט
האָב איך געבעטן: נעם מיך מיט.
כ'האָב דעמאָלט נישט געפרעגט דײַן נאָמען,

דײַן שטאַם,
דײַן הויזגעזינד.
צווישן הימלען און תּהומען,
אין גערעם פֿון ריזאָס ים
ביסטו געווען דער גרינער ווינט.

ווי האָבן טורעמער פֿאַרזונקען נידער,
נישט לויט מאָס פֿון אַרכיטעקט און מעסטער,
ווי קליין אַנטקעגן דיר, מײַן שוועסטער!

די גיטאַרע אויף דײַן האַנט
נאָך וויגט דאָס גרויסע לאַנד
פֿון אַמאַזאָנאַ ביז אָן אַ סוף — —
— — — — — — — — — —

און הײַנט האָסטו מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף,
דײַן גיטאַרע ווידער הערן
מיטן ליכט פֿון מאָרגנשטערן.

ווער איך? ווער דו?
נאָר אַ ליד וועט עס באַשיידן
פֿאַר אונדז ביידן
און דײַן נאָמען בלײַבט פֿאַרהוילן
אין מײַן פֿרילינגדיקן כּתב.

אין געזאַנג בין איך דײַן ברודער.
אין געזאַנג בין איך דײַן שקלאַף.

# קאַבאַראַ

# קאַבאַראַ *

### א. מיטן חסד פון טאָג

אַ טאָג וואָס רופט צו זען און הערן,
פון הענט פאַרפרעסטע שפּאַרן פינגער
צו אַלץ וואָס איז, וויל זײַן און ווערן —
און כ׳גלייב מײַן בלוט וואָס זאָגט: ביסט יינגער.

נאָר אַ וויג און ווענד פון גרויען קאָפּ
און אַלץ ווערט וואַרעם אין דערמאָנטקייט.
מײַן שפּיגל ווײַזט, ס׳איז דער גרוי אַראָפּ —
און כ׳שטיי אין זונעדיקער בלאָנדקייט.

אַ טײַבל קרײַזט איבערן כּרמל
אוןביידע פליגל אויף מײַן שטערן.
בײַ מײַנע פיס ברייטערט זיך די שוועל —
הײַנט וועט דער טאָג מיר וואָס באַשערן.

אַזאַ זעלטנקייט זיך ווײַזט אַצינד,
די צײַט זיך עפנט צריק — צו מאָרגן,
און אויף מײַן פּנים דערפיל איך ווינט
וואָס האָט אין קנייטשן זיך פאַרבאָרגן.

ער טראָגט מיט דופט צו מיר אַמאָלן,
אַצינדיק, אין דער רגע איצטער.
כ׳בין ווידער אין קאַבאַראַס טאָלן
מיט שפּרענקלען זון אויף לײַב צעשפּריצטע.

* קאַבאַראַ — אַ זומפּיקער שטח בײַם כּרמל.

אַ דאַנק דער זון, אַ דאַנק די ווינטן
וואָס פירן מיך צו יענע טאָלן
מיט אַ ליכט אַ גאָר־פרי־באַגינטן
פון יענע גרונטן פון מײַן חלום...

דאָרט, ווו אויף זומפּ אַ שמעטערלינגל
האָט אַלץ געלײַטערט אין זײַן שוועבן.
כ׳האָב אויך אַזוי געשוועבט — אַ ייִנגל
בײַ יענעם פלאַטערל דערנעבן.

געשוועבט צום באַרג, געשוועבט צום ים,
ווײַט איבער גרענעצן און מאָסן;
אויף די בערג געזוכט דעם נביאס פלאַם
און אויפן ים די אַלבאַטראָסן.

געזוכט אין ליכט אײַך, בשׂורה־מײַסטערס,
אויף זונענסטרונעס אײַער סטראָפֿיען,
און וואָס אין מענטשנלײַב נאָך גײַסטערט
מיט פונק פון הייליקן שגעון.

הײַנט גרינט דאָס אַלץ אין די גליבעס ערד
און כ׳וואַרט, אַז אויך מײַן האַרץ זאָל בליִען.
אַ דאַנק דיר, טאָג, וואָס האָסט מיר באַשׂערט
אַז קאַבאַראַס ליכט אין מיר זאָל פריִען...

**ב. כ׳וועל הײַנט דערמאָנען**

כ׳וועל דערמאָנען קאַבאַראַ, די טאָלן בײַם ים,
בײַם כּרמלס געלענדן די זומפּיקע דנאָען,
ווו מײַן שבט, דער יונגער פּאַרחלומטער שטאַם
האָט מיט באָרוועסע טריט געגליט אין חזיון
פון ערדן ביז גאָר און צו וועלטן ביז גאָר
מיט ליים אויף די קני און מיט זון אויפן פּנים.
כ׳וועל הײַנט רופן צוריק אַ פינף צענדליק יאָר:
כ׳רוף אײַך אויף צו געזאַנג, איך וויל אײַך דערמאָנען.
כ׳וועל הײַנט פרעגן דעם פליין, די מײַלן מיט זאַנגען:
ווער האָט דאָ די בלאָטיקע פלאָנטערס געלײַטערט,
ווער איז דאָ אויף קלעפּיקע גליבעס געגאַנגען,
און האָט דאָ אין דמיון געצונדן אַ שײַטער
מיט סוד פון אַ יום־טוב אין הארץ נאָר אַנטפּלעקטן
בײַם חידוש פון ערד אין בראשיתדיק גליִען?..
איך וועל הײַנט דערמאָנען, איך וועל הײַנט אַ וועק טאָן
דעם שורש פון אַלע געוויקסן און בליִען.

נאָר אָנרירן וואָרעם איין ערדישע גליבע
און דאָרט נאָך געפינען די טריט אײַנגעסימנט.
בײַ סַמיקן ווילדגראָז דעם ווײ און די ליבע,
פון שטומקייט דעם נאָך נישט געזונגענעם הימען.
כ׳וועל אָנרירן וואָרעם איין זאַנג נאָר אַ דינע,
דורך איר חלל דערפילן ספּערישע שטראַלן.
כ׳וועל אַלע פאַרגעסענע טעג דאָ געפינען,
ס׳איז גאָר נישט פאַרלוירן, ס׳איז גאָר נישט פאַרפאַלן!
אונטער סַמיקסטן שוועמל גילדט נאָך דער זאָמען
פון אײַער געטרײַשאַפט, פאַרשווונדענע ברידער.
אויף יעדן קוסט, יעדן בוים בליט נאָך אַ נאָמען
און כ׳וועל אײַך דערמאָנען אין אויפלויכט פון לידער.

### ג. בריוולער

כ׳האָב דעמאָלט אַ בריוול געשריבן מײַן טאַטן,
אַז „די בשׂורה פֿאַרבײַט דעם אויסלייזערס קומען״ — —
צו איר אונדזער הונגער, פֿון איר זעמיר זאַטע,
אַז טויבן פֿון כּרמל מיט בשׂורות דאָ ברומען.

איך האָב קוים פֿאַרשטאַנען די אייגענע ווערטער,
כ׳בין נאָר אויסן געווען צו מילדן זײַן טרויער,
און ער האָט אַוודאי מיט אויגן פֿאַרטרערטע
פֿון דער ווײַטעניש דאָרט מײַן דרך באַדויערט.

נאָר איך האָב געגלייבט אין מײַן יונגער שליחות
און ווי האָט מיך דערפֿרייט זײַן גוט־ווּנטשיק בריוול,
אַז „חוץ פֿון משיח פֿאַראַן אַ משיחות״,
ווי די ציצית אינעם טלית פֿאַרדריוולט...

ס׳האָט אָט דער פּסוק אינעם זומפּ זיך פֿאַרגרונטיקט,
מיט אַ ליכטיקן רעיון אין מיר זיך פֿאַרשפּונען.
דאָס האָט מיך באַרוישט און דאָס האָט מיך צעבונטיקט,
כאָטש כ׳האָב קיין משיח ביז איצט נישט געפֿונען.

כ׳האָב דעמאָלט געענטפֿערט אַ דאַנק ממעמקים,
מעומקא דליבא אין פֿיבער פֿון חלום:
פֿאַראַן אַ משיחות אָט דאָ, בײַ אונדז טאַקע,
מיט פֿליגל צו מאָרגנס, באַלאָדן אַמאָלן;

אינעם אויפֿשטיין פֿאַר טאָג — אַז אַלץ זאָל דערוואַכן,
אין טראָט פֿון באַגינען — צו ווערן אַלץ נײַער.
און איך האָב געשריבן מײַן טאַטן דעם שוואַכן:
„דײַנע הענט וואַרעם אָן בײַ אונדזער רויט פֿײַער״...

## ד. די בשׂמים פון קאַבאַראַ

אַ שאַרפקייט פון מיענטע פאַרמישט מיט ציקאָריע
אויף קלומפּן צרעת פון זומפּיקע פלאַכן.
מיך וועקן די דופטן דערמאָנענדיק די גלאָריע —
יעדן טאָג פון דאָס ניי מיט זיי צו דערוואַכן.

פּאָלונען, יאַמבוטן און ווינקלעכע שוואָמען,
ווי צירונג ביי שטראָמען אין טוכלען געפּלאָנטער.
פון יעדן געוויקס איז פאַרבליבן אַ זאָמען,
אַ נאָכוווּקס אין מיר — אַזאַ צוויטיקער יום־טוב.

די קראָפּעוועס, קרייטערס, געמויזעכץ־געמיזן
אין דער הייל פון מיין אָטעם דופּטיק נאָך טריפן.
אין מיין שוימיקן כּוס צוזאַמען נאָך ריזלען
מיט אַ שיכּרות אַזאַ פון די ערדענע טיפן.

כ'האָב זיי, די בשׂמים, פון דאָס ניי אָפּגעפונען,
ווי נאָר כ'האָב דערזען דעם כּרמלס שיפּועים.
נאָר איין ציטער פון ווינט און שוין אויף מיין גומען —
זיי רייצן און קרעלן און לאָזן נישט רוען.

און נאָך אַ מאָל זע איך ווילדגראָזיקע פלאַכן,
ביי די קני פון כּרמל דעם בלאָנדזשע פון שטראָמען,
ווי מיר גייען באַגינען שיכּורדיק־וואַכע,
די אָקסלען באַפּינקלט מיט שפּאַדלען און לאָמען.

די פּיאַטעס פאַרטויבט אין סמיקע סטאַוועס,
פון טאַטריק פאַרפּלאָנטערט אַריבער די קניען.
מיט אַ בייזן קוואַ־קוואַ אונדז שעלטן די זשאַבעס
און אַריבערן זומפּ די קראַ־טשאַטעס פליען.

קוואַ־קוואַ און קראַ־קראַ מיט אַ נאַכטיקער שׂינאה,
נאָר פון ערגעץ אַ שוואַלב מיט גאָלדענעם טרילער.
דאָס האָט זי דער כּרמל געשיקט מיט באַגינען,
ווי אַן איינציקן פריַינד — אַזאַ גוטע און שטילע.

זי מונטערט די דרייסטע, די באָרוועסע שפּאַנען,
די זייערס פון זונגאָלד אין בלאָטיקן נידער.
דער כּרמל שפּרייט אויס זיַינע העלע דיוואַנען —
און אָט אָ זיי גייען און איך זע זיי ווידער.

פון ביטערן וואַסער אין שטיַיג צו העט־ווּוּען,
מיט בוזעמער בלאָטיק אין זונליכט געטובלט.
אַלץ העכער און העכער אויף כּרמלס שיפּועים
צעשוועבט אליהו די בשׂורהשע טויבן.

צו אַן אַנדער ציַיט — נבֿואהש־תּבֿואהשע פליינען,
אַ בשׂורה פון אויסלייז אויף גאָלדענער לענטע...
איך פיל עס נאָך אַלץ מיט די העזהס און חנען
אין דופטיקן הויך פון ציקאָריע און מיענטע.

## ה. דער מעסטער

אַזאַ איינער, מיט יִחוס פון חוני המעגל,
אַן איינער־אַליינער אין שאָטן פון באָקסבוים,
זײַן ציג איז געבונדן צום מאָגערן צווײַגל
און גוט איז צו זײַן איר שכן דערנעבן,
זען ווי זי ציט פון די בלעטלעך חיונה...
אויך ער: — מיט באָקסער און מילך קאָן מען לעבן
ווען עס נערט דײַנע טיפן אמונה.

ער איז אין זומפּ דער כּל־יכול,
מיט אַלע פאַרמישט און מיט אַלעם פאַרקאָכלט.
מעסטשנורן ציט ער איבער די קסריהשע זאַמדן.
ער ציט זיי פון ווײַט, אַזש פון טאָלסטאָיען,
און פון זײַן מאָגערקייט טיף — אַזש צו גאַנדין.
נאָר אויך אָט די צוויי, אָט די פּני, נישט קאָנען אים סטײַען,
ער דאַרף דעם בעל־שם, ער דאַרף בר־יוחאין — —
אין זומפּ דעם — ניצוצות פאַר מענטשלעכער גדלות.
אויף זײַנע פינגער — דער פלאַם און דער פונק פון קאָוואַדלעס.

נישט סתּם דאָ צעשטעלט ער די רויט־ווײַסע שטאַנגען.
דאָס זענען סימנים פון ירדן ביז גאַנגעס.
וואָס ווײַס און וואָס רויט? קעמערלעך בלוטן
מיט פלוס און מיט אָפּפלוס פון שלעכטן און גוטן.
ער קען זי, די קרענק, ער ווייסט די דיאַגנאָזע,
ער ווִיקלט מיט מאַפּעס רמב״ם און שפּינאָזע.
ס׳איז נאָך נישט פאַרענדיקט מיט אַלע סובסטאַנצן,
נישט גענוג אויסגעשליפן די גאָט־פּאַראַגראַפן —
אויב מיינסט אויף אַן אמת די וועלט איבערפלאַנצן,
אויב מיינסט אויף אַן אמת דעם מענטש איבערשאַפן...

וואָס אַריסטאָ ביז מאַרקס ? נאָר פּראָסט־פּיראַמידן !
אָן אָדערן מענטשיש, אָן בלוטן וואָס זידן.
מען דאַרף זיי פאַרייִדן, מען דאַרף זיי פאַרחסידן
מיט אַלע טראַקטאַטן און מאַניפעסטן,
מען דאַרף זיי אַ ביסל צו תּורה פאַרקעסטן :
איין וואָרט ו א ה ב ת קאָן זיי פאַרשלינגען
און מיט א ח ר י ת  ה י מ י ם נאָך ווײַטער דערשפּרינגען...

און מעסטשנורן ציט ער
אַלץ ווײַטער, צעגליטער
מיט גריבלגעדאַנקען אין גאָט־מענטש־הוויה,
בײַ מאָפּעס פאַרוויקלט מיט וועלט־שטחים נײַע.
קאָנסט קוים דערנעבן דעם אָטעם אָפּכאַפּן,
ביזן זיבעטן הימל זײַן קאָסמישע מאַפּע.

מיט דער זונס פאַרגאַנג שנורט ער זײַן טאָרבע
און הוידעט אַוועק געבויגן און האָרביק
צו זאָגן גוט־אָוונט צום באָקסערנעם שאָטן.
נאָר איינער באַגלייט אים — זײַן גלײַיקער אָטעם.

בײַ נאַכט צינדט ער אָן אַ לעמפּעלע קאָפּטשיק,
אַ קנייטל וואָס זוכט די שײַן פון נר־תּמיד.
בײַם באָקסבוים אין דרויסן דאָס ציגעלע האָפּטשיקט
און אַלץ אין די לופטן דאָרט שוועבט און נשמהט...
איך הער נאָך זײַן מורמל בײַם מישן די בלעטער,
איך הער נאָך זײַן אָטעם בײַם וויקלען מחשבות,
זײַן צײַען די פּרײַערס וואָס ווײַטער, וואָס שפּעטער
צו אחרית הימים מיט גלויבן דעם נביאס.
כ׳האָב הינטער זײַן פענצטער נישט איין מאָל געבעטן
פאַר זײַן מאָגערן לײַב וואָס פול איז מיט פײַער,
כ׳האָב אויך געהאָלפן זײַנע פּיטעס פאַרקנעטן

און נאָך אים געגאַנגען, ווי אַ תּלמיד אַ טרײַער,
בײַם ציִען די מעסטשנור אויף זומפּיקע ברייטן
און שטעלן די שטאַנגען, די שטאָלצע סימנים
פון ערגעץ אַ חלום אַ נאָך נישט באַשיידטן
וואָס האָט נישט קיין הערשער און האָט נישט קיין פּאַנען...

דער באָקסבוים שוין גרינט קוים אויף יענעם בערגל
געבויגן אַריבער דעם סאַבּרעשן פלויטל,
נאָר עס ציטערט נאָך אַלץ דאָס איינזאַמע קנייטל...
דער קאָפּ אויף די הענט, די אויגן נאָך גליִען
און מעסטשנורן שטראַליק צווישן שטערן קאַבאַרער זיך ציִען
לזכר זײַן חלום און לאַנג שוין פאַרגעסענעם נאָמען,
אַזש פון בראשית ביז אחרית הימים.

### ו. דער זקן

ווי פון אַ געמעל,
מאָכיק גרין, וואַקסיק געל
דער נישט פאַרגעסענער זקן.
מיט מיר זײַנע מאָכן, מיט מיר זײַנע וואַקסן
און מיט זילבער פאַרשפּרייט ער די באָרד און די לאָקן
אַריבער מײַן אַקסל.

ס'האָט אים מײַן זכּרון פאַררעמט
צו בלײַבן גענענט
דורך יאָרן אָן אויפהער
דער טרייסטער און רופא,
ווי ער איז געווען, ווען פיבער־דעלירן
האָבן געפּרוּווט מיט דמיון פאַרפירן
צו בלאָנדזשע און שטרויכל.
איין שמייכל פון זקן — אַלץ מוחל!..

אויף שטחים פון זומפּ די ברייטע און לאַנגע
מיט צוויי קרוגן טיי איז ער אומגעגאַנגען,
אַ צוגאָב כינין און אַ צוגאָב מיענטע,
מהנה צו זײַן די פון פיבער פאַרברענטע
ווען הינערפּלעט פאַנגט זיי אין יִאוש־קאָשמאַרן.
— אָ, טרינק — פלעגט ער זאָגן — דו וועסט זיך דערפאַרן
אַז דאָס איז אַ יין וואָס איינער־גאָר־קיינער,
אַ פעוונע רפואה, אַ געזונט אין די ביינער.

ווער האָט אים, דעם ייִד געשיקט צום געזעמל
וואָס אַזוי אַנדערש אין אויסזע און הולך?
אויף אים איז געלעגן כּרמלישער הימל
און ס'האָט זײַן פינגער געטײַטלט: דאָרט ווײַן איך...

איך האָב אים געזען ווי דעם געטרײַסטן פֿון טרײַע,
מיט כּוס אליהו —
זײַן טײַיִקן ייִן...
און אָט טו איך ווידער אַ וואַקל
אין שמאַכטונג פֿון פֿיבער
מיט טרוקענער ליפּ,
און ווידער מיך בעט ער: מאַך אַ שהכּל,
און איך אַ פֿאַרשעמטער בעט אים: פֿאַרגיב...

ביז איצטער טריפֿט נאָך זײַן קריגל
מיט אַ פּנים צעשמייכלט לויכטנדיק גוט.
דערפֿון איז געוואָרן אַ ניגון
וואָס היילט נאָך מײַן בלוט.

צווישן כּרמל און ים שפּרײַזט ער נאָך אַלץ
מיטן באַשליק ביזן האַלדז
און מיט פּאַלעס פֿאַרטרויטע דעם ווינט,
ווי אין געמעל
מיטן וואַקסענעם געל,
מיטן מאָכיקן גרין —
אַ פֿאָטער פֿאַר אונדז, די פֿאַריתומטע זין,
וואָס האָבן אין פֿיבער־דעליר
צום גנאָד פֿון אמונה געבענקט.

און אָט שטייט ער פֿאַר מיר,
פֿאַרבילדערט אין מיר
און איך זינג און געדענק — —

## ז. דער דרײַלינג

די צוויי קוטשעראַווע „שוואַרצונעס",
מיט די ווייכע רוסישע סטרונעס,
זיי קאָן מײַן זכּרון נישט מײַדן.
פֿאַראַן אַזאַ פֿרײַנדשאַפֿט גאָר שווײַגיק
וואָס טיף אין די האַרצפֿעלדער צווײַגיקט
בײַם וואָרצל פֿון וויזיעס און לײַדן.

מיט די צוויי, אין גלויבן און וואַקל,
און נאָך ווען אין זייער באַראַקל
האָב איך זיך פֿאַרחברט אויף שטענדיק.
מיט זיי אויף קאַבאַרישן שטח
בײַ סעודות פֿון ברויט און פֿון רעטעך
האָט אַלץ מיר געווײַניקט לעגענדיק.

צוויי שוואַרצע, די דריטע אַ ברוינע,
צו צוויי קוטשעראַווע פֿאַרשוינען
סײַ מאַמע, סײַ שוועסטער, סײַ חוה...
די קופּערדיק ברוינלעכע אָלגאַ,
מיט טײַכיקן יִחוס פֿון וואָלגע —
אַזוי יונגיק־זונגיק־טשיקאַווע.

דער דרײַלינג, באַנאָמענט „די רוסן".
פֿון וואָלגע און דניעפּער די פֿלוסן
נאָך האָבן געשפּיגלט אין אויגן.
אַ שלעפּטוך פֿון ווײַסע אומענדן
מיט פּראָסטיקן גלאָזיקן בלענדן
האָט זיך פֿון לאַנג שוין נאָך זיי געצויגן.

מיט בענקשאַפט פון ליביקן ברענען,
מיט פושקין, מיט בלאָק און יעסענין,
דרייַ שטערן פון הינטער די כמאַרעס.
זיי זענען צו זיי דאָ געקומען,
ס׳האָט יעדער זייַן סטרונע געפונען
אויף די דרייַ קאַבאַרער גיטאַרעס.

אַ ציטער ציגייַנעריש שטראַליק,
אַ פלאַטער פון נעפּלען װעלטאַליק
און דאָרפישדיק באַנגיק און צװיטיק.
און איך — צו דעם אַלץ אײַנגעהערטער,
בייַ זיי אין באַראַקל אַ פערטער —
פאַרװוּנדערט װאָס אַלץ זאַלבעדריטיקט...

אַ ליבע מיט לידער און פייַער
װאָס אייניקט דעם דרייַלינג אַלץ טרייַער
און מיך און מייַן נייַגער טוט לאָקן.
אַ שיכּרות אויף אייביק צו סטייַען
פון נעכטנס און ביז דאָ עד היום
מיט פּושקין, יעסענין און בלאָקן.

צו די דרייַ גיטאַרעס פון דרייַלינג
זיך נייג איך נאָך איצטער אַ װייַלינק
מיט אויגן פאַרמאַכטע צו הערן.
נישט פאַרגעסן כ׳האָב אייַך, קוטשעראַװע,
מיט אייַך זוכט מייַן גאָלדענע פאַװע
די װייַטע, פאַרלוירענע שטערן.

## ח. מיטן רייץ פון יאַסמין

— אויב מיר זענען די ביטערע ערדן
ביז גרונטן מתקן צו ווערן גערעכטער,
טאָ וואָס איך און דו, צי קלענער די ווערדע —
איז דען בן־אָדם האַרטער און שלעכטער
פון וווּקסן און דומם ?
צי קאָן מען נישט בעסער, צי קאָן מען נישט עכטער
און לערנען און שלייַפן און צוימען ?

אויב מען קאָן אָט די גליבעס באַזאַנגלען,
אַז די סַמיקע גראָזן זאָלן פאַרשווינדן —
טאָ פאַר וואָס זשע אין אונדז זאָל גיפטיקייט שלאַנגלען
און קינאה זאָל ברענען און שׂינאה זאָל צינדן ?

צי ביז אייביק פאַרשאָלטן די פליישן און ביינער,
אָן אויסוועג פון אָפּוועג אין גאַנג פון די יאָרן ?

ווי זיך באַפרייַען פון קנעכטיקע וואָרן,
ווי וואַרפן די מאַסקעס פון אַלע נישט־טאָרן,
די שלייערס די פרומע פון זינדן געהיימע ?

ווער האָט עס געפרעגט ? מיר אַלע ביַי אַלע,
יעדער אַ חתן ביַי יעדער אַ כּלה
אין מעסטונג פון ליבע מיט קינאה און שׂינאה,
אין רייציקן בלי פון די וויַיסע יאַסמינען :

וואָס מיט די נעבט ווען עס אָטעמען קוסטן
מיט ריחות אַזעלכע, יאַסמיניקע גלוסטן,
צי זאָל מען באַהאַלטן די בראַנדן פון ליבשאַפט

אין פענטן פון כלומרשטער פרומער געניטשאַפט,
יעדער פּאָר זיך מיט זייַן ליבלעכער קנעכטין,
מיט אַן אויסזע אַ כלומרשט גערעכטן,
ווי פוקסן בײַם זויגן
געראַובטע, פולבלוטיקע טרויבן.
וואָס מיט דער טרײַשאַפט,
וואָס מיט דער פרײַשאַפט,
מיט פּנים מיט קלאָרן
צו טאָג אויפגעהויבן? — —

וואָס זענען אונדז פאָרשפּיל און תּנאים,
דער שלייער, דאָס רינגל, די חופּה —
פון פידלען דאָס באַנגיקע סטראַיען,
די אַלטע קאַזאַצקע געטופּן?
אָ, בעסער די הימלען די ברייטע,
זונס גאָלדענע קנופּן!

זאָל יעדער פון טיפן דערוועקן
דעם קוש־שטאָלץ אויף אייגענע ליפּן.
פּאָר קיינעם שעמען און שרעקן
ווען אָדם וחוה זיך קניפּן.
מיר אַלע מיר זענען געבוירן
פון זעלביקע ריפּן...

אָט די רייד, די וואַרעם צעהעלטע,
געהערט האָב איך פרי פּאָר באַגינען,
נאָך אַ וואַכנאַכט צווישן געצעלטן,
אונטער שטערן — גאָלדענע שפּינען.
אַ בתולהשע לופט האָט געדופטיקט
מיט רייץ פון יאַסמינען.

און אַלץ האָט געוווּנקען אַז מותּר
צו איינזאַמע ערן און זיִען:
נישטאָ דאָ קיין פּאָטער און מוטער —
זאָל ליבשאַפט דאָ טאָפּעלער גליִען!

געצעלטן בייַ שוועל פון אין־סופן
זיך האָבן געסודעט מיט שטערן.
אַלע שׂינאהס זענען אַנטלאָפן
אין טרייַשאַפט פון ריינסטע באַגערן
און ווייַסער יאַסמין האָט געלייַטערט
די זיִען און ערן.

*

— — און דו האָסט פאַרבלאָנדיקט
און דו האָסט דערבלאָנדזשיקט
מייַן קומערדיק פרומקייט
צום שפּיל שיר־השירים
מיט אַ טויביקער ברומקייט
און מילגרוים־געצירן.

אַן עדות דאָס בערגל, אַלץ ווייס עס,
ווי נאָך טעג די לאַנגע און הייסע
האָסטו נאָך פאַרגליט מער מייַן אָטעם,
מייַן איינזאַם צו דיר צוגעבויגן
און מיך פאַרשפּיגלט אין אָפּגרונט פון אויגן.

אַ ווינט האָט זיך פּלוצעם פאַרהאַלטן
צו וויגן די קוסטן
און וועקן די לוסטן,
ביז האָסט מיך פאַרבלאָנדיקט,

ביז האָסט מיך פֿאַרבלאָנדזשיקט,
מיט בענקשאַפֿט באַלאַסטיקט,
מיט ווייען באַלוסטיקט
און איך נאָך דיר בין געגאַנגען — —

און היינט, אָט אָ דאָ, ווו איך גאַסטיק,
זע איך דעם פּליין עפּל־ברוסטיק
און פֿון דיינע צעפּ וויקלען זיך זאַנגען.

### ט. צווישן רויך און פײַער

מײַן ייִדיש־ליד־ערשטלינג — אַ כּתב־יד אָפּגעריבן —
דערמאָנט מיר ווען כ׳האָב אים בדמיון געשריבן.
יעדער פּינטל דערמאָנט מיר אַ פונקל אין פײַער,
יעדער למד אַרויף — דעם וויקל פון רויך.
ס׳איז נאָך אַלץ מײַן זכרון צו מיר אַ געטרײַער
און הייבט אויף מײַנע ברעמען ביז הימלען הויך.
ער ווײַזט מיר די טרערן, ער ווײַזט מיר די שטערן,
דעם אייביקן זיווג פון מײַן געמיט.
ער ווײַזט אויך דאָס ווערן פון מײַן באַשערן,
דאָס יתום־געבערן פון מײַן ייִדיש־ליד.

*

פּאַרטריקנטע גראָזן און דערנער האָט דעמאָלט דער זומער
געבּרענגט אַ צושטײַער
צום יום־טוב, צום פײַער.

אין זומפּיקן קאַנט
האָט נאָר־וואָס געשפּאַנט
דער ערשטער גלאַנציקער אַקער,
און מאַזאָליקע הענט האָבן געצונדן אַ פלאַקער
אין רונד פון געצעלטן
מיט פריידן פון נײַ־ערד
און מיט טרערן פון לענדער און וועלטן.

סאַראַ טרויער! — אים זאָגט אויס יעדנס פּנים,
קאָנסט אים דערקענען אין אַקסל־געוויגן.
ס׳האָט יעדער וואָס צו דערמאָנען,
ס׳האָט יעדער זײַן פאַרלוירענעם ניגון — —

מער גראָזן, מער דערנער צום פּײַער.
ווער וועט זיך אין היים הײַנט פֿאַרצוימען ?
צוזאַמען — וואָס נענטער, וואָס טרײַער
און ווײַן זאָל הײַנט שוימען.

אָט גייען די צוויי קוטשעראַווע שוואַרצונעס,
מיט זיי די דריטע, די וואָלגעשע שוועסטער.
עס בעטן ווײַן די טרוקענע סטרונעס...
נעבן זיי שוין דער דענקערשער מעסטער,
און ווי פֿאַרשעמט און דערשראָקן
גענענט אויך דער זקן.
אַ בחור אַ יונגער רופט אים זיך פרייען
אוןביידע אין צווייען
אין ראָד זיך פֿאַרדרייען.

אויך איך וועל נישט בלײַבן אין ווינקל באַזונדער.
דער ראָד ווערט אַלץ ברייטער, פֿאַרדרייטער און רונדער,
אַקסל בײַ אַקסל, פולער און פילער,
עס הילכן שוואַרצונעס : העי, הגלילה ! העי, הגלילה !
די האָריקע פּאַסמעס אויף אַקסלען צעשיטע,
די וואָלגעשע מוידין, ווי תּמיד אַ דריטע,
זי בענצעט און בוכניעט
די צוויי אויף די נאַקנס :
העי אוכני... העי אוכני...!
מען קאָן מיט פויסטן אַזעלכע וועלדער צעהאַקן,
נאָר דאָ — קוים אַ ביימל מיט איינציקע ריטער.
עס שׂרפֿעט איר אָטעם אויך אים אָנצוצינדן
מיטן שפּרונגיקן טאַנץ, מיט די לויפיקע שווינדן.
וואָס גיכער : וואָס גיכער !
אַ געוועט פון חמסין מיט אַ טײַגעשן וויכער...

און ווידער אַ בעכער,
די פלאַמען אַלץ העכער.
דער זקן — אין זײַט שוין — סאַפּעט אַ שטילער,
זײַן טאַנץ איז אַ תּפילה
אין געטוף: הגלילה!
איך זע זײַן פּנים באַוויײַניקט מיט טרערן,
די פריידן די טיפסטע מיט נס פון באַשערן.
מיט אַ טלית אַ בלאָען הילט אים די נאַכט
און עס שײַנען מיט חסד קאַבאַרישע שטערן.
— — — — — — — — — — — — —

און באַלד —
דאָס פײַער פון פלאַקער ווערט נידריקער, מידער,
אויף ליידיקע טישן די רעשטלעך פון נאַשן.
ס'האָט ווער פאַרהאַלטן די ברוויזונג פון לידער,
איך זע זיי, די גלאָווניעס, איך זע זיי, די אַשן...

גאָר פלוצלינג אַן אויפשפּרונג פון די צוויי קוטשעראַווע,
מיט זייער ליבלינג, מיט זייער חוה.
מײַן אויער זיך חידושט:
אַ זמר גאָר ייִדיש!
ווי באַסאָווע און שטייניק:
אַ לעמעשקע — טאַטע
די מאַמע — אַ טשייניק
אָ, סאַראַ געטופּע!
אַ בראַזגען פון קופּער,
נאָך אַ מאָל ווידער:
אַ לעמעשקע — טאַטע
מאַמע — אַ טשייניק
און באַלד זע איך דעם זקן
פאַרקרעמפּט און אַליינִיק,

מערער ווי תּמיד געבויגן.
אַ טרער ווישט ער אָפּ פון די אויגן...
— — — — — — — — — — — —

און מײַן זכּרון דערמאָנט מיר מיט גלײַקע שטאָכן,
ווי ס'וואָלט זיך אַ שטאָם אַ געזונטער געבראָכן,
ווי ס'וואָלט ווער אַ קריעה אין מיר אײַנגעריסן,
ווי ס'וואָלט ווער צעשונדן מײַן ייִדיש געוויסן:
וואָס כּיבוד אָב צו ווײַטן פּאַרלאָזטע?
וואָס כּיבוד אם צו קברים באַגראָזטע?
גאָר אַ לעמעשקע טאַטע? די מאַמע אַ טשייניק?!

און איך האָב דערפילט ווי מיך דווקא אייניקט
דורך צײַטן און יאָרן
אַ ברית בין הבתרים
פון אַלץ וואָס פאַרגאַנגען
ביז דאָ, אין קאַבאַראַ,
ביז קערנער פאַר זאַנגען...
— — — — — — — — — —

עס לאָזט מײַן זכּרון די נאַכט נישט פאַרטושן,
קאַבאַרישע שטערן רופן מיך ווידער
צום פּסוק דעם ערשטן: „נישט ריס נאָר ירושה" *
דעם קרן, דעם שטערן פון מײַנע לידער.

* אַ שורה פון מײַן פּאָעמע „לייזער ציפּרעס".

### י. טריט אויפן כּרמל

און איצטער — שווין באַלד אַ פינף צענדליק.
דער אומרו איבער בשׂורה לאַסטיקט.
ס׳איז אַ געוועט נאָך נישט פאַרענדיקט,
כאָטש יאָרן לויפן אַזוי האַסטיק.

כ׳פרעג בײַם ים, בײַם באַרג, בײַ זיך אַליין:
די יאָרן ווו? — איך מוז עס פרעגן.
צום ווײַטן נעכטן מײַן טאָג טוט גיין,
ס׳זוכט יעדע, שעה איר ערשטע רגע.

איך פיל אַ יום־טוב נישט געמאָלדן,
אין קאַלענדאַרן נישט פאַרצייכנט.
קאַבאַראַס טאָלן גרינען, גאָלדן
און מיך רופן כּרמלס הייכן.

מײַן יונגער שבט — צו אים שפּאַנט זיך.
אים געהער איך, ער מײַן יִחוס — —
און אַ בריוול פון לאַנג דערמאָנט זיך,
אַז „חוץ משיח — אַ משיחות״ — —

אַרום־אַרום זיך גאָלדלען סעדער,
פייגל־טשאַטעס נאָך שטילער סטאַדע.
נאָר איך געדענק נאָך מער ווי יעדער
דעם שאָטן דאָרט וואָס נעבן וואַדי.

דורך דאָרט בין איך צום זומפּ געקומען
אין זשומערײַ פון די מאָסקיטן.
זון און זום — איך הער נאָך די זשומען
און טיף אין לײַב פאַרגליט די שניטן.

נאָר דו, כּרמל, געווען מײַן היילונג,
כ׳האָב אין דײַן פעלדז פאַרזונגען גלוסטן.
פון מײַנע טיף־געהיימסטע היילן
בליט איצט מײַן בלוט אויף דײַנע קוסטן.

אָט זע איך אים, דעם אָלעאַנדער
פון איבער פעלדז אַרויסגעוואַקסן.
צו אים, צו אים האָב איך דערוואַנדערט
הײַנט אָנצושפּאַרן מײַנע אַקסלען.

בײַ אים מײַן ליבשאַפט האָט געהויערט,
בײַ אים מײַן לידשאַפט זיך געשליפן.
אין זײַן געצווײַג נאָך יוירט פאַרדויערט,
וואָס כ׳האָב פאַרפּרעסט מיט הייסע ליפּן.

מײַן זונגיק האַרץ האָט דאָ געפאָרעמט
זײַן ערב נס אין טראַנס פון חלום,
אָט דאָ געבליט און דאָ געדאָרנט,
אויף אָט דעם באַרג איבער די טאָלן.

אָט — זכרון יעקב — — ווײַן פון כּרמל,
און אָט — בנימינה — — איר בעכער בלענדט.
יום־טוב אין מײַן האַרץ — איך וויל און וועל — —
און איך פּרעס צום כּרמל מײַנע הענט.

## יא. און עס פינקלען נאָר אַלץ די געצעלטן

כ׳וועל בײַ קיינעם נישט עפענען טירן,
ס׳איז שוין נאַכט און איך בין דאָ אַ פרעמדער.
נאָר דער דופטיקער ווינט וועט מיך פירן,
איך האָב אין דאָרף דעם וועלטן און לענדער.

מיך דערקענט, בנימינה, דײַן לופט דאָ,
זי האָט מיך וועגן געוועקט מיט באַגינען.
מיך דערקענט, בנימינה, דײַן דופט דאָ
מיט דער שיכּרות פון ווײַסע יאַסמינען.

נאָר פיל מערער צו מיר טוט געהערן
און איך וועל נישט מײַן נאַכט דאָ פאַרדרימלען.
מײַנע מײַלשטיינער דאָ — יונגע שטערן,
כ׳האָב אין דאָרף דעם אַן אוצר פון הימלען.

כ׳שפּרײַז איבער אַקאַציעשע פּלויטן
און אומזיסט דײַנע גאַסן פאַרשטעלטע.
צו מיר שײַנען שוין שטערן און קנויטן
און באַלד קום איך צו מײַנע געצעלטן.

*

טיפע נאַכט, ס׳שווײַגן בערג שוין פאַרטונקלט,
אויף די טירן פון דאָרף צוגעריגלט.
נאָר צו מיר אַזאַ שײַן זיך דערפונקלט
פון אַ ווײַסן געצעלטיקן עיגול.

ס׳איז דאָס אָרעמע לעמפּל פון דעמאָלט
אין אַ וואַכנאַכט, אַ דאַכטנאַכט — אַצינדער!
און איך גיי צו דער שײַן פונעם פלעמל
ווי אין העלזען אַ טרוימיקער בלינדער.

ענג פאַרשמידט מײַנע אויגן, דאָך בלענדיקט
און מײַן פרײַנד — זע איך — זיצט אויך אַקעגן — — —
נאָר אַלץ יענער שמועס נישט פאַרענדיקט,
ביז טאָג װעלן מיר װעגן און פרעגן :

צי דען מעג מען אַזױ אין פאַררינגטקייט,
מיטן נאַקן צום שטורמיקן דרױסן,
זיך פּיעשטשען מיט אײדעלער יונגקייט
אויף אַ זײַטװעג פון פּײַנװעג דעם גרױסן ?

װי פאַרפרעמדט זײַן צו אַלע צוזאַמען
װען דער שטורעם פאַרגרײט שױן דעם שמעטער,
צי װעט אונדז נישט די שלוה פאַרװיאַנען
אינעם שאָטן פון צװײַגן און בלעטער ?..

אָט אַ שװײַגסטו, באַלד בליצסטו — װי האַסטיק !
און אָט װידער פאַרזינקסטו אין קלערן.
דײַנע אַקסלען זײ װיגן זיך לאַסטיק,
אויף זײ װעגסטו דעם גלאָבוס מיט שטערן.

װאָס װילסטו ? איך װײס עס : אױפשטראָמען
פון יונגהאַרץ די לױטערסטע לאַװע ;
געבן גאָט גאָר אַן אַנדערן נאָמען —
פונעם גאַנצן תּרי״ג בלױז א ה ב ה...

איך לײען דעם געצוק פון דײַן פּנים,
ס׳איז אַ ראַנגלען מיט הימלען און קרױנען.
אויף דײַן בלאָלעכן העמדל די פּאַנען
צום גאַנג און צום שפּרונג איבער רױמען...

— — — — — — — — — — — —

אָט דאָס אַלץ האָט די צײַט שוין פֿאַרשלונגען
מיט די טעג, מיט די נעכט און מעת־לעתן,
נאָר אונדזער ליד איז נאָך נישט געזונגען
און דאָס קנייטל — עס לאָזט נישט פֿאַרגעסן.

ווײַל אין אונדז האָט אַ הייסער חזיון
אײַנגעזונגען דעם אחרית הימים
און מיט הייליקן, יונגן שגעון
אויך פֿאַרליכטיקט דעם מענטשלעכן נאָמען.

און דערפֿאַר אָט דאָס לעמפּל נאָך שימערט
מיט אַ פֿינקל און רייץ אייביק זעלטן.
זע, דאָס קנייטל ווערט דינער און דינער,
נאָר עס פֿינקלט נאָך אַלץ פֿון געצעלטן.

## יב. צו מײַן פֿרײַנד

וואַרט, וואַרט, באַלד וועט דער באַגינען
אונדז רופֿן צום שניט פֿון יאַסמינען.
דער טוי וועט די פֿינגער באַפּײַכטן
און אין אונדז וועט שײַנען און לײַכטן
דער שפּאַן פֿון די באַרגיקע קעמלען
וואָס טרייסלען די נאַכט און די דרעמלען
און וועקן די מאָרגיקע שעהען
מיט טופּע פֿון גאָלדענע טלאָען.
וועסט דעמאָלט באַלוינען דײַן שווײַגן
מיט ברעקעלער ברויט און מיט פֿײַגן,
און איך צו דיר, פֿרײַנד פֿון מײַן חלום,
מיט מײַן לאַסט פֿון פֿרומע אַמאָלן,
וועל ווידער דיר ברײַען און טרייסטן
מיט מײַן זיידנס לאַנגע תּעניתים,
מיט זײַן שטענדיק זוהריש גליִען —
און דו וועסט אַלץ שווײַגן און מיִען
ביז ווידער דער אָוונט וועט קומען
און דו, ווי אַן עמער צום ברונעם,
גענייגט צו דעם חסד פֿון שטערן,
פֿאַרשלאָסן, ס׳זאָל קיינער נישט הערן
דעם גלי פֿון מחשבות די ברייטע,
וואָס זענען דײַן טרונק און דײַן ברייטל
אין פֿײַניקן טרוים פֿון די וועלטן,
אין פֿינקל פֿון ווײַסע געצעלטן.

## יג. מײַן יונגער שבט

דעם װײַנשטאָק אין בנימינה
װעל איך נאָך װען געפינען.
כ׳האָב מײַנע פינגער אין אים פֿאַרקאַרבט
און פֿאַרן װײַן באַשטימט זײַן פֿאַרב.

אַ, שיכּרות יונגע, װיזיע און געזאַנג
אַנטקעגן כּרמלס באַרגנראַנדן,
איך דאַנק נאָך איצט פֿאַר דײַן געטראַנק
נאָך דער ניכטערקייט פון יאָרן לאַנדן.

אונדזער באַרוועס האָט דאָן באַרירט
די ימען און די ערדן,
די פענער און די שווערדן
פון גרויסן מענטשלעכן געפעכט
אין באַגערן צו גערעכט.

אַ נשמה־פלאַקער —
ער האָט נאָך נישט געצאַנקט,
נאָך נישט באַערדיקט דער חזיון.
איך טרינק נאָך אַלץ דעם באַרוישיקן געטראַנק,
פון װעלטנטרוים דעם הייליקן שגעון.

דורך ירושלים האָבן מיר געבליקט
ביז אונדזער נעכטיקן צוריק
אין מאָרגן־פּאַנאָראַמעס;
ביז טײַגע־פראָסטן אונדזער טויב
מיט בשורה־גלי
פון אונדזער תּמוז.

וואָס דער נביא האָט ווען געזאָגט,
אַ וואָרט וואָס שטראָפט און טרייסט און העלפט —
ווידער האָבן מיר געהערט
פון גאָרער ערד,
פון אַלעקסאַנדער בלאָק —
פון אַפּאָסטאָלן צוועלף.

פון די געצעלטן ווײַט געזען,
ווי אַלץ וואָלט דאָ געשען —
אָנצורירן מיט די פינגער:
גלײַך אונדזער יונגשאַפט מאַכט אַלץ יינגער...

ווי האָסטו, יונגער שבט,
אין דײַנע אָרעמע געצעלטן
אַזוי טיף פאַרגלייביקט
אַלע וועלטן ?!

אַזוי פיל אויך געבלאָנדזשעט,
פון הויכקייטן גענידערט.
נאָר איך וועל אַלץ פאַרגעבן,
ווײַל האָסט אויך צעטריפט דײַן לעבן
אויף גאַסן די מאַדרידער...

ווער קאָן מיט ניכטער פרעגן
זיך שטעלן דיר אַנטקעגן ?
קאָן שטרויכל דען פאַרשעמען די באַגערן
און ווער וועט מעסטן דײַן דערגרייכן ?

כ׳וועל תּמיד דאַנקען יעדן שטערן
אויך ווען ער פאַלט פון הויכע הייכן.

פון דיר באַגערן נאָך שטראָמען זידיק
מיט אַ בענקשאַפט צו באַגינען
און אַן איבערמאָרגן לויטער פרידיק
אין דײַן וואַרעם בלוט טוט רינען.

ס'איז דער ווײַן פון יענעם ווײַנשטאָק,
מיטן צייכן פון מײַנע פינגער־קאַרבן.
כ'וויל און וועל נאָך פון אים טרינקען
זײַנע שיכּורדיקע פאַרבן.

# בַּיִם אַלבאָם פון פּאָעטן

*

צו די פֿאַרגעסענע קום, וואָס האָבן ווי דו
שטערן געפּיטערט בײַ שטילע געצעלטן,
קעגן מישמאַש פֿון יאַריד געהייליקט די רו,
פֿאַרשלומערט אין סודיקן נס פֿון די וועלטן.
ס׳האָט ווען אין געזאַנג אויסגעברענט זייער פֿײַער
און זייערע כּתבן האָט דער ווינט צעוואָרפֿן.
טאָ לאָמיר ווי ברידער גאָר־ליביק־געטרײַע
אויפֿזאַמלען די שפּרוכן און מורמלען און שאָרכן
פֿון אַלץ וואָס פֿאַרלוירן אין ווײַט־ווײַטע העטן,
פֿון אַלץ וואָס פֿאַרזונקען אויף דנאָען פֿון קבֿרים.
און לאָמיר געטרײַ זײַן דעם שבט פּאָעטן,
וואָס צעשענקט זײַן גאָלד און פֿאַרבלײַבט תּמיד אָרעם.

## ראָסעטיס באַהאַלטענע לידער *

### א. דײַן בת־שמים

דײַן הימלישע שווײַגט נאָך אַלץ אויפֿן גאָניקל פֿון גאָלד,
אַ פֿאַרגרונטיקטע אין זיך ווי אַ באַרוטער ים,
אַנטקעגן שטעט ווו אַלץ איז שוין פֿאַרשטאָלט
און אַלץ איז שוין פֿאַרשטעלט
פֿאַר לאַן און לאַם,
פֿאַר וואַלד און פֿעלד...

דרײַ בלומען אין איר האַנט, זיבן שטערן אויף איר קאָפּ,
און זי אַליין — ווי דער לײַנגעוויקס אַנטקעגן שטיין.
נאָך הונדערט יאָר איז אין איר קבר שוין אַראָפּ —
נאָך הונדערט יאָר געווײַן,
און זי איז אַלץ נאָך שײַן.

אין זכות פֿון דײַנע לידער, דאַנטע גבריאל ראָסעטי,
געפֿונענע אין קבר פֿון דײַן בת־שמים.
זיי באַגילדן אירע הענט מיט רינגען און בראַסלעטן
און זענען זי מחיה.

עס רויכערט פֿון די שטעט וואָס האָבן זיך פֿאַרשטאָלט
און עס וויקלט זיך אַ שלאַנג אין די שטאָלענע געוועבן.
איבער איר מצבה דאָס גאָניקל פֿון גאָלד
און דו און זי אין דײַנע לידער לעבן.

* Dante Gabriel Rossetti — ענגלישער פּאָעט און מאָלער (1828—1882),
די לידער וואָס ער האָט געשריבן צו זײַן פֿרוי און זיי באַהאַלטן בעת איר קבורה
אויפֿן אָרון אין קבר, האָט מען נאָך דעם אַנטפּלעקט ווי מוסטערלידער פֿון דער
פּאָעטישער ריכטונג „די פּרעראַפֿאַעליטן”, וועלכע האָט אין דער ענגלישער
קונסט פֿון 19טן יאָרהונדערט געוואָלט עפּענען אַ פֿענצטער צום עבר, צו פֿעלד,
זון און מענטשלעכער וויטאַליטעט, אַנטקעגן די שאָטנס פֿון פֿאַררויכיקטע שטעט.

## ב. אין וואַנדל פון זומערליד

דאָס זענען די מאַסקעס פון זומער,
זאַנפטער גרין און דער ליַיכט־ווינטל־שפּיל.
אַ הימל אויף בערג, אַזאַ פרומער,
הילט אויך די פעלדער אין זיַין געהיל.
פון קדמונישע פעלדער אַ סוד
און אַ קרוין צו אַ קרוין עס פאַרשפּינט,
אַז גיך ווי ווינט קומט אָן גאָטס גענאָד —
און עס גלייבן אין דעם אַלט און קינד...

נאָר גיכער דער סוף־שפּיל פון זומער,
ווען דאָס גאָלד ווערט מגולגל אין געל,
ביז דער האַרבסט קומט אָן מיט אַ דונער
און צעטרייסלט דאָס פעלד און די שוועל.
פון די ערגעצן ברויזיקט אַ טיַיך
און די וואָלקנס זיך טראָגן געדיכט.
— — אַווּ, זומער, דיַין גאָלד פון ווען־ריַיך ?
אַווּ, זומער, דיַין גרין זאַנפטיק ליכט ?

פון קדמונישע וועלדער קומט אָן
דער פאַרלעשער פון אַיעדער קנויט,
אַ קרומער שאַרבן, אַ שאַרפער צאָן,
אין זיַין טאָרבע די זיגלען פון טויט.
זיַינס אַ שאָטן זיך גנבעט פאַר נאַכט
צו דעם ליכטיקסטן פּונקט אויף דער שויב —
ווּ ראָסעטי, ביַי לאָדנס פאַרמאַכט,
קושט צו לעצט זיַין געשטאָרבענע טויב...

*

— — מײַן ליד וועט מער נישט הויכן אויף דיר
מיט מײַן מיין, מיט מײַן פֿאַרב, מיט מײַן ווונק,
און צום פֿעלד דורך דער אָפֿענער טיר
וועט דײַן שמייכל נישט טראָגן מײַן זונג.
די גאַנצע ערד פֿאַרהילט זיך אַצינד
ווי דײַן פּנים אין געלבלעכער פֿאַרב,
און ברייט־שׂרפֿהדיק צינדט אָן דער ווינט
בײַם ראַנד פֿעלד אַ פֿאַרגעסענעם גאַרב...

איך זע דײַן פֿאַרגליווערטן פּנים
און דײַן צוואָה פֿליסטערט זיך אויס.
נאָר איינס טוסטו בעטן און מאָנען
איידער איך פֿיר דיך פֿון מײַן הויז אַרויס —
בעטסט די לידער וואָס צו דײַן נאָמען:
ברענג זיי מיר אַן אייביק געשאַנק — —
בײַ דײַן צוקאָפּנס אַ נר־תּמיד
זאָל פֿאַרבלײַבן מיט דיר מײַן געזאַנג.

*

וואַרט צו, קברנים, לאָפּעטעס, וואַרט,
שטויסט נישט אַזוי דעם זאַמד און דעם ליים.
נישט טרעט דאָס צווײַגל וואָס ליגט פֿאַרדאַרט
און נאָך וויגט די פֿייגל אין געהיים.
איר נאָמען — מיט לידער ענג פֿאַרקניפּט,
אין איר אײַנגעוועבט פֿון יאָרן לאַנג —
און נאָך איין מאָל וויל איך, ליפּ צו ליפּ,
איר איבערגעבן מײַן לידגעשאַנק.

פאַרהאַלט, קברנים, דעם ווילדן לויף.
די באַגרעבעניש אַ ווײַל פאַרהאַלט.
נישט פאַרטרײַבט דעם פויגל און די טויב,
אויך מײַן לידערהעפטל דאָ באַהאַלט.
זאָלן בלעטלעך זיך צעוויקלען ברייט
אין דער ענגשאַפט פון די אָרון־ווענט.
און ס׳וועט זײַן, נאָך איידער זון פאַרגייט —
וועט זי זיי מישן מיט אירע הענט — —

*

אַ צווײַגל אינעם שאָט פון זאַמדן.
אַ בלאַט אין שלײַדער פון גליבעס ליים.
אַ שטערן וואַכיק אויף די ראַנדן —
ניין, די בת־שמים איז נישט אַליין!
אַ שפּאַן אַפילו, גאָר שוין טרוקן,
מיט אַ דימענטבליץ צעפינקלט גרין.
(איך, ווי אַ פּילגער, וועל זיך בוקן
בײַ אָט דעם ליד־נס און גיין אַהין!)

ווער האָט געזאָגט: ס׳וועט ליד נישט הויכן
אין דער ביטער־רגע פון זײַן קלאָג?
די הויכע שטערן קאָנען טויכן
אין טיפער טיף ווו דער וואָרעם נאָגט.
דאָרט דערוואַכט זי, די בת־שמים,
בײַ די לידער אונטער יאָמערשטיין.
פייגל פליִען, אַ בלויע סטײַע — —
אָ, ניין און ניין — זי איז נישט אַליין!

*

דאָס איז דער נס פון נײַ־באַשאַפן,
פון זאַמד און ליים אַרויסגעהויבן.
נעמען גרינען, די עפּיטאַפן
ברומען ליביק ווי פּאַרלעך טויבן.
אַז ווייל דעם ווער עס קאָן דאָס הערן
פון איבער צווינטערס שטעכלפּלויטן
און זען אין יעדן יתום־שטערן
דעם סודות־צונד פון יום־טוב־קנויטן.

דאָס איז די שעה נאָך פיר און צוואַנציק,
ווען טיפסטע שפּאַלטן זיך באַהעפטן
און אויך די לידער ווערן גאַנציק
נאָכן צעפויל פון לידערהעפטן.
זיי שטראַלן דורך די שטיינערמאַכן
ווו ס׳האָט דער טויט זיי ווען פּאַרטײַעט,
צו ווײַזן, אַז נאָך נישט צעבראָכן
דער רוקנביין פון גאָטס הוויה.

צו דער טיף, בײַם צעשטויב פון גלידער,
דרינגט דורך אַ האַנט דורך די גראַניטן,
צו געפינען ראָסעטיס לידער
אינעם זשאַווער פון אָרונס ניטן.
אָט דאָרט ווו גאָרנישט מער שוין אָטעמט,
בײַם העפטל לידער לאַנג באַהאַלטן,
אָט דאָרטן גרוילט אַצינד דעם שׂטן —
ווערטער ווערן וואַרעמע געשטאַלטן.

דאָס איז דער אָנגרייַף פונעם פרילינג
ווען אַ גרעזולס קעפּל גאָלדיק חנט.
אַלע קברים — אין גרין־פאַרהילונג
און זון שוין שמייכלט ווי מענטש נאָך וויינט.
ווען לדער נעמען צוריק די שאָטנס
אין זיך אַרייַן, אין געהיימער טיף,
און זון — אַ זעגל, גאָר ברייט צעאָטעמט,
איבער טויזנט שיפלער בויט אַ שיף.

דער טייַך וואָס האָט געטראָגן וואָלקנס
גיט אָפּ דעם הימל זייַן שווערע לאַסט,
צעטיילט זייַן גאָב פאַר פעלד און לאָנקע
און הייבט אויף פון דער טיפעניש אַ מאַסט.
און ווידער צו דער גרויסער רייַזע
איבער טייַך צום ים דורך גאָרער גאָר,
אויף צו דערזען און צו באַווייַזן
וואָס יאָר צו יאָר און וואָס דור צו דור.

אויך לידער שטייען אויף פון קברים,
אַ גוט־מאָרגן זאָגן דעם פּאָעט:
אָ, זע, ס׳האָט נישט געקאָנט דער וואָרעם
פאַרשלינגען דייַנע גאָלדן פאַר זייַן זעט.
ס׳איז גאָלד פון פייַער אין ליבשאַפטס טראַכט
און אַ גרעזולקעפּל שייַנט עס אויף.
ס׳האָט אויך דעם אָרון אויפגעמאַכט
און — הללויה, דעם פרילינג לויב!

### ג. צו „פּאַר ראַפּאַעל"

דײַן בת־שמים רופט
מיט טויטן ערנסט
און ליבע־ציטער:
נאָך האָבן אַלע שטערן נישט אויסגעשטערנט
דאָס גאַנצע גוטס פון די הימלגיטער.
אין וועלדער טיפע וואַרטן שפּענער
מיט גליפּונקען אין זיך באַהאַלטן
פּאַר נײַע ליכטער און נײַע טענער —
אַ גאָב דײַן דור דעם קאַלטן.

איך ענטפער יאָ
אין אַ גאָר שפּעטער שעה,
בײַם גסיסה־ליכט פון די נעאָנען,
ווען די ערדזײַלן זיך קנייטשן
אין בייזן שטורעם — —

און איך קום אײַך דערמאָנען,
ווײַל עס בענקט אונדזער פלײשונג
צו אַ נײַעם פורעם.

## צו אַלפֿאָנסינאַ סטאָרני *
## אַ שוועסטער אין דרום

האָב איך דען סתּם געזוכט דײַן נאָמען
דאָרט, אין ווײַטן דרום־קאָנטינענט,
צווישן ימס אויפֿגעזידטע שטראָמען
און דעם האַרטן באַרגיקן געלענד?

אַ פֿויגל, פֿון הוראַגאַן צעשונדן,
דורך די בערג צום ים האָט מיך געפֿירט.
די הימלשטראָזן האָט ער געצונדן
און דײַן בלוט געוויזן אויפֿן זשוויר.

דאָרט ווו ביסט ווען צום ים געגאַנגען
געפֿירט פֿון שאָטן צו טיפֿן דנאָ.
ווו די אַקאָרדן פֿון געזאַנגען
האָבן פֿאַרקלאָמערט דײַן לעצטע שעה.

ווו די ווילדפֿיש דיך אויפֿגענומען
האָבן מיט שאַרפֿע פֿיסקעס צום פֿאַרקלעם.
דאָרט אין די כוואַליקע געברומען
האָב איך דערזען דײַן אויג און ברעם — —

* אַלפֿאָנסינאַ סטאָרני — אַן אַרגענטינער דיכטערין, געבוירן אין דער שווייץ, אין 1892. געווען אַ פּירערין פֿון דער פֿרויען־עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער. איר ערשט בוך: „אומרו פֿון דער רויז". פֿאַרעפֿנטלעכט אַכט זאַמלונגען לידער און פּאָעמעס, פּראָזע־ווערק און עסייען. אירע לידער, אין נוסח פֿון תּפֿילה, זיך צו זען לבנהדיק און מושלדיק אין ים־שוים... ווי אַ דיסאָנאַנץ צו דער האַרטער נאַטור פֿון דרום־קאָנטינענט. אין 1938 נישט צוריקגעקומען פֿון ים און דעם סוד פֿון אירע לידער און בלאָנדזשענדיקע חלומות באַהאַלטן אויף די דנאָען...

אַ זאַטיקער געשריי אין גליוווער,
אַ גאַנצער ים אין געפּרעס פון פויסט
מיט אַש און פונקען פון דײַן ליבע
און מיטן פלאַם פון דײַן לידערברויז.

דאָס אַלץ פאַרגעסן האָט דער דרום
אין זײַן היציקייט בײַם פליישנבראָט.
נאָר מיט אַ גיטאַרע אויפן אָרעם
זינגט נאָך צו דיר אין דער מיט פון שפּאָט

אַ וואַנדערער פון ווײַטן צפון
וואָס האָט דערזעגלט מיט זײַן הייסער טרער.
דער זעגל פלאַטערט מיט ווונדן אָפן:
צו דיר, מײַן שוועסטער, קום איך אַהער!

כ׳האָב מער נישט ווי מײַן ייִדן־סטרונע
וואָס געפינט די ווייען וווּ נאָר וווּ.
דאָס האָט זי דיך אין ים געפונען,
וווּ אַקאָרדן ציטערן אָן רו.

ביסטו נישט ווי אַ גורל־ייִדין
מיט דײַנע ווייען און דײַן געזאַנג —
אָט דאָ וווּ כוואַליעס ביטער זידן
און פאַר דעם ווילדפיש ביסטו געפאַנג?

ס׳האָט הימל־סם דיך ווען באַזאַפּטיקט
מיט תּהילים אין פאַרבענקטן בליק,
ווען האָסט צום ים אַליין דערנאַכטיקט
און — מן המצר — שווין נישט צוריק.

פאַרזונקענע, דו זינגער־מלכּה,
אַלפאַנסינאַ סטאָרני אויפן דנאָ,

ס'האָט דיך נישט דערוואַרט קיין רוסאַלקע
ביַי דיַין לעצטן שפּריַיז אין לעצטער שעה.

צו לעצט האָט דיך דער ים געשפּיגלט,
דעם יוגנט־שימער פון דיַין געשטאַלט,
ביז לבנה מיט קאַלטן זיגל
האָט דיך גליַיך פאַרבלייבט — צו ווערן אַלט.

האָסט נאָך אין דיַינע הויטן־פאַלדן
געפילט דעם זונבראַנד פון חוה־לוסט,
נאָר מיט שאַרף־גורלשע געוואַלדן
האָט דיַין גורל־בייַטש געטריבן: מוזסט!

דאָס האָט זי, די גרויזאַמע לבנה,
דיך אין די גרונטן אַריַינגעפּרעסט
און מיט סקאָרפּיאָנען אויף דיַין פּנים
דיך באַחתמעט: אַלפאָנסינאַ — לעצט!

פאַרבליבן בלויז דיַין בליק אויף פעלדזן.
צו אים אויף פּאַמפּאַס, פון צפון העט,
איַילט דיך דערזען אין בראַנד פון העלזען
דיַינס אַ יתום־ברודער — אַ פּאָעט.

דו, מיַין שוועסטער, וואָס דיך באַדאָרניקט
האָט מיט פאַרגעסן דיַין קאָנטינענט.
פּאָעטין אַלפאָנסינאַ סטאָרני —
איבערן תּהום זע איך דיַינע הענט.

און איך שטרעק אויס מיַין ייִדן־סטרונע
צו דיר, דיַינע בעטנדיקע הענט:
שפּיל אין די כוואַליקע געברומען —
איך האָב דיך געפונען און דערקענט!

צו דיר בין איך אַצינד דער טויכער
אין לאַ פּלאַטאַס בלײַענעם געשווים.
כ׳וועל אפשר אין די גרונטן גרייכן
און אויך געפינען אַ ביינדל קוים.

איך קום דאָ צו דיר פון געוואַנדלען
ווי דער פּאַמפּאַ־בלאַנדזשער וואָס זוכט זײַן גאָט
פון לאַ פּלאַטאַ און ביז די אַנדן
אין דער מיט פון מערקס ברוטאַלן שפּאָט.

פאַרפרעמדט אָט דאָ פון זאַטע צינגער
האָב איך דײַן ליד פונעם ים דערהערט
און מײַן ייִדן־סטרונע זוכט דײַנע פינגער
צום טרויער־זמר פון גאָרער ערד.

אַז עס זאָל דײַן ליד נישט פאַרשווינדן —
פון טיפן ים ביז בערגערראַנד
וועל איך אַ שײַטער הײַנט אַנצינדן
פאַר דײַן לעצטן שפּור דאָ אין זאַמד.

דערצו בין איך דאָ הײַנט געקומען
מיטן צפון־שטערן וואָס מיך בריט.
בערגער שווײַגן, די כוואַליעס ברומען
און איך זע דיך און איך הער דײַן ליד.

בײַם ים־געשווים וואָס זידט דאָ צאָרניק
פאַרהאַלט איך פיבערדיק מײַן וואָגלשפּאַן.
איך רוף דיך: אַלפאָנסינאַ סטאָרני!
און אַ פויגל שרײַט אין הוראַגאַן.

## זאָגט סערגיי

צו דער וועלט אויף שקאַפּע
נישט גואל פּאָרט.
(סערגיי יעסענין)

מען דאַרף כאַפּן פרייד
פון דער צוקונפטס גאַלאָפּ.
(וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי)

דיר ווי מיר, מיר ווי דיר,
אָדלער פאַרגעסענער, וולאַדימיר.
די זעלבע צאַרניקע האַנט
האָט אונדז ביידע געפירט
צום פינצטערן ראַנד
און די טרוימיקע שטערן פון גאַנץ ראַסיי
ווי קנייַלעכלעך סם געשאָנקען אונדז צוויי.

דו האָסט אַמאָל,
אין טראַנס פון פייַער און שטאָל,
מיט שפּאָט אויסגעמיטן
מייַן דאָרפישן שליטן
און אויך געלעסטערט
מייַן נאָסטאַלגיע אין שענק
צווישן פאַרדאָרבענע שוועסטערס.
ווי האָסטו פאַרזען אַזוי קורצזיכטיק ענג
מייַן רחמנות
אויף רוסלאַנדס בלאַסע און קראַנקע איקאָנעס?

נישט איצט די שעה פון חשבון און געוועט,
צו שפּעט, טויטער ברודער, פאָעט.
מייַן דאָרפישן, ראָזיקן צוויט
און דייַן בלאָען גרויסשטאָט־גראַניט

וואַלגערט איין ווינט
און צווישן די צווינטערס צעשיט.

נישט מײַן בענקשאַפט און נישט דײַן געדאַנק
זענען שמירעכץ און פעטס פאַר טראַקטאָר און טאַנק.
עס הודזשעט פאַרבײַ אַ גולמדיק ראָד
און קיינער פאַרהאַלט נישט בײַ קברים דעם טראָט.
קאָמאַנדיר, אינזשעניר — ביידע באַפעלן : ניין !
צו יעדער בענקשאַפט, צו יעדן געוויין.

מײַן לאָשיק, דער וואַרעמער, ראָזער,
שטיין איז געבליבן פאַרשטיינט,
ווען ער האָט מיך איינציק אַליין באַוויינט.
און אויך דו, און דײַן העזה,
ביסט מיט דײַן מאַגנעטישער באַן
גאַלאָפּ פון די שינעס אַראָפּ,
ווי איך אין דעליר פון צעווילדעטן וואָן
האָסטו אין סעמאַפאָר צעשמעטערט דײַן קאָפּ.

וויי !
עס זאָגט נישט קיינער וויי
אויף אונדז צוויי,
נישט אויף דיר, וואָלאָדימיר,
נישט אויף מיר, סערגיי.
נאָר אין אַש־בעכער פון אַ מאָסקווער שענק
אפשר נאָך טליִעט אַ פונק פון געדענק,
און פון דײַן האַרץ, זינגער־טריבון,
אפשר נאָך פליסט ווו טשוגון.
און אַוודאי געדענקט מיך נאָך מײַן דאָרף,
וואָס האָט מײַנע אָדערן פאַרדעקט
מיט זײַן וואַרעמען טאָרף.

דאָס בלוט אויף אַצינד
שרייַט און רינט
און אומעטיק מיר ווי דיר,
וולאַדימיר.

## אַזוי איז דײַן וואָרט

לייוויקן

צום געוויג פון דײַן קאָפּ
זאַמלען זיך אַלע וואָס האָבן דערקענט
דעם מענטש ווי ער ברענט
אין זײַן פײַער.

ווער זענען זיי ?
זיי טראָגן נאָך קרייצן אויף נאַקן,
קרייציקע האַקן,
נאָר אויף ליפּן אַ גאָלדענער פּאָדעם —
צו דיר אַ געבעט :
— זאָג אונדז, אַז גוט איז בן־אָדם.

ווי וועסטו דאָס זאָגן,
די שלעבטסן פאַרגוטן,
באַהאַלטן די קלאָגן
אויף אַשן און בלוטן ?

זיי וואַרטן,
און אויף דײַן ווײַסן קאָפּ
נידערט דאָס וואַרטן אַראָפּ
ווי אַ פויגל אַנטלאָפן פון בליצן —
גיב אים דו אַ צווײַגל אַ גרינס
אין רו צו זיצן.

נאָר דו,
אַליין אויך פאַרקניפּט אין די בליציקע שלייפן —
מיט פאַלשער נחמה דו וועסט נישט באַגנאָדן.

און אַזוי איז דײַן וואָרט :
— נאָך איז מאָרד,
נאָך איז שׂרפֿה —
און איר — פֿון עפר ואפר
הייבט אויף דעם בן־אָדם !

אַפּריל, 1950

## פרילינג אויף שׂדרות נאָרדוי

**מיטן אויפבלי פון נתן אַלטערמאַנס ליד**

אַ וואָך פון שטערן וואַרט אין דופטנדיקן דרויסן
און לאָקערן און ווינקען צו דיר, זינגער ליבלינג.
ס׳איז אַ שפּיל פון יִינגלער וואָס זענען עפּעס אויסן —
דו וואָלסט עס פאַרשטאַנען, מײַסטער פון אונדזער פרילינג.

האָסט אַמאָל מיט זיי זיך געשפּילט אויף אָט דעם ברוק
ווען ס׳האָבן זאַמדן זיך באַצירט מיט די אַספּאַלטן.
די שפּיל האָט אויפגעהערט, נאָר ס׳איז אַלץ נאָך נישט גענוג,
דער פרילינג מאָנט און וועקט דעם יונגן און דעם אַלטן.

און כאָטש ביסט ווײַט, אויף קאַלטן שטיינטראָן גילדט דײַן נאָמען
און שוין אײַנגעזאַפּט האָט די ערד אַ סך געוויינען,
ווײַניקט נאָך אינעם ניסן־דופט דײַן פרישער זאָמען
מיט אַלע שיכּורותן און שמייכלענדיקע חנען.

דאָ, אויף שׂדרות נאָרדוי, אַ וואַרעמקייט איצט ווינטלט
אויפן פּנים פון אַ מיידל וואָס זוכט איר צירלינג.
די שטערן אויף איר שטערן — בעז־פּיאָלעט אַ בינטל —
פון דײַנע לידער טראַכט זי אין דער נאַכט פון פרילינג.

נאָענט צו דײַן הויז זילבערט אויף דער ים אַצינדער
און אויך אַ בוימשפּיץ בײַ דײַן פענצטער בייגט זיך הערן
וואָס אַ קאַטערינקע אין קאַראַהאָד פון קינדער
פאַרסודעט צו אַ יונגשטאָט אונטער אַלטע שטערן.

אַלע פענצטער פון דײַן הויז זענען איצט פאַרלאָשן,
נאָר דײַנע לידער שפּרײַזן נאָך אין די אַלייען.
די פייגל צווישן ביימער מורמלען נאָך דײַן לשון —
אַ סימן, אַז דו וועסט נאָך אַלעמען דערפרייען.

דו ווערסט עס זיכער, ווײַל דו האָסט צוגעזאָגט: „איך וועל",
פאַרגלייבט אין ליד, אַז „נישט סתּם קומט צוריק דער ניגון"...
דײַנע „דרויסן־שטערן" וואַרטן איצטער אויף דײַן שוועל
און די שוואַלבן וויגן זיך אין די נעסטן־וויגן.

און אַלץ זאָגט אָן, אַז מיטן ליד אויך דײַן אומקערן,
ווײַל האָסט ראָזשינקעס און מאַנדלען מיט זון באַשפּרינקלט
בײַ דעם סיליען אויף דײַן פעדער די פּערלטרערן
פון שמאַכטנדיקן זקן און פון טרוימיק יינגל.

אָט דערפאַר געדענקט דיך אַן איילבערט פול מיט קאַרבן
און אויך אַ זעגל שטאָלץ באַזונט אין ווינט־געווייען.
בײַ דײַן הויז ווירבלט איצט דער ים מיט דרייסטע פאַרבן
און עס זעגלט שוין דײַן ליד אונדז צו דערפרייען.

## צו אײַך

איך זע אויך זיך אין דער אַלייע
ווו עס שלאָפן ברידער צו געזאַנג.
אויך מײַן נשמה וועט דערשנייען
צו אײַער רו מיט איר דינעם קלאַנג.

איז דען אַ פרײַנדשאַפט מער פאַראַנען
ווי אין אײַער לידיק שווײַגיק לאַנד ?
אויך איך צו אײַך וועל ווען דערשפּאַנען
מיט די ייִדיש־גראָזן אויף מײַן האַנט.

איך האָב זיי פון מײַן ערד גענומען
און פון גאָרער גאָר, פון פײַערבראַנד.
און זיי פאַרשפּרייטן וועל איך קומען
איבער די שטיינער פון קיינעמס לאַנד...

הייסע ייִדיש־גראָזן אויף קאַלטן שטיין
וועל איך פאַרשפּרייטן — אַ טרײַ געשאַנק.
און מיט טוי און זון וועט מײַן געוויין
ברענגען פון מײַן ערד אַ ליד — אַ דאַנק.

מרימצן

יאָרן

## בײַם ציפּערבלאַט פֿון יאָרן

דאָס ביסל צײַט, וואָס האָסט מיר געגעבן
אַדורכצוגיין אַלײיען פֿון יאָרן,
זי סטײַעט נישט פֿאַר מײַן דאָרשטיק לעבן,
פֿאַר מײַנע טרוימען און מײַנע וואָרן.

און איך בין נישט גענוג אונטערטעניק
אויף צו קומען בעטן נאָך געשאַנקען.
סײַ ווי זענען אַלע יאָרן ווייניק
פֿאַר דעם שפּרײַז פֿון לידער און געדאַנקען.

דערפֿאַר שטיי איך שווײַגיק פֿאַר דײַן טויער
און תּפֿילות — נישט געבעטן — אין מיר זידן.
אויף מײַן פּנים אײַנגעקאַרבטער טרויער,
אַש — נאָך פֿײַערווערק פֿון די יאָרידן.

ס'איז דער וואָקל פֿון אַ טויב אַ מידע.
פֿון איר פֿליגלבראַנד בין איך באַשאָטנט.
נאָר זיי, די געדאַנקען און די לידער —
אין זיי נאָך ברויזט מײַן יונגער אָטעם.

און אויב מײַן ביסל צײַט וועט נישט סטײַען,
וועל איך אָפּזוכן איין גרויסע רגע —
מיט איר אויפֿצוהאַלטן מײַן לוויה
און מיט איר דופּק מײַן האַרץ באַוועגן.

## די בלאָנדע שוועסטער

א

— דו, קשי־עורף, דו פּרוּווסט זיך מיט דער אַלמאַכט?
אַז ווי שוואַך ביסטו אין דער איינער וואַכנאַכט!
דו בעטסט איצט גאָרן רחמים בײַם וווּנדערפּיל.
און וואָס איצט אַלע צילן? בלויז שלאָף דײַן ציל.

דו האָסט ווען באַוווּנדערט די הויכע שטערן,
און איצט — דאָס קלענסטע שטערנדל טוט שטערן
און שטעכט דײַנע אויגן ווי אַ שאַרפע אָל,
דאָ, אויף דײַן בעט אינעם שפּיטאָל...

אַזאַ חוזק הער איך בײַ כלאָראָפאָרמען,
אין קלאַמער פון באַנדאַזשעדיקע פאָרמען,
און אַלע גלידער בעטן: קום באַפרײַען.

דאַן קומסטו, דערבאַרמיקע, מיט שמייכל בלאָנדן,
מיט אויגן בלאָע גלײַך צו מיר געוואָנדן.
ווי וואַרעם איז דײַן וואַרעמקייט, געטרײַע!

ב

זע, אַלע אייניקט איצט דער ווענד
פון דײַנע הענט,
שוועסטער, צו דיר אַלע לײַבער,
פאַר יעדן ריס האָסטו אַ פאָדעם.

אין דיר דער טראָפּן גוטס
פון שטאָם פון ווײַבער
וואָס העלפט בײַ אָט די ווענט
דעם פאַרשמאַכטן אָדם.

מיט דײַן טראָט אַלץ ברײטער װערט,
יעדעס בעטל — די גרויסע קראַנקע ערד...
און יעדער, אײַנגעהערט אין דײַנע שפּאַנען,
דאַנקט דעם רעשטל גוטס
װאָס נאָך אין מענטשנשטאָם פֿאַראַנען.

ג

די בלאָנדזשע־שײַן פֿון שפּעט־בײַנאַכט
זיך גנבעט צו צעשטרײטע ברעמען,
און איך בין װאָך און מיר איצט דאַכט,
אַז עמעץ זוכט אונדזערע נעמען.

דער גורל, טונקל אָנגעקלײדט,
זיגזאַגיק אינעם צימער שפּרײַזט.
די היץ פֿון פּולסן אויף אַלץ צעשפּרײט,
נאָר ער — װי קאַלט ! חלף־שאַרפֿער אײַז.

די נאַכט איז זײַנס, דערפֿאַר — װי גוט
דיך דערזען פּאַר טאָג מיט בלאָנדע האָר.
אַ בליק אויף דיר — נאָך אַ מינוט
און אַ באַריר פֿון דיר — נאָך אַ יאָר...

ער, דער טונקעלער, באַלד פֿאַרשװינדט
דורכן קאָרידאָר מיט אַ געהילך.
אַצינד װערט יעדער װי אַ קינד
מיט אַ דאַנק גענײגט צו טראָפּנס מילך.

דו טײלסט, דו טריפּסט און שמײכלסט צו.
אויף דײַן פּנים איצט דער מאַמע־גנאָד.
שװעסטער דו, האַרינטע פֿון רו,
אַ שליחות דיר פֿונעם װײַטן גאָט.

דו טוסט אַ גוטס וואָס ער נישט טוט,
דו צינדסט די רגעס אין לעצט געצאַנק.
אָט דערפֿאַר אַ ליד שווין אין מיַין בלוט
מיט ווערטער — רויזן, אַ דאַנק־געשאַנק.

פֿון מיַין ליַיב זיי אויפֿגעאָטעמט,
אין וויי פֿון שניטן זיי פֿאַרבאָרגן.
איצט באַפֿריַי איך זיי פֿון שאָטן
פֿאַר דיַינע בלאָנדע האָר, פֿרימאָרגן.

שוועסטער, רויזן כ׳האָב באַהאָפּטן,
אַז דו זאָלסט זייער אָטעם הערן.
מיט אָדערן אַרומגעפֿלאָכטן
וועל איך זיי אָנטאָן אויף דיַין שטערן.

## אין צווייען

אַזוי טרעפן זיך אין וויסטעניש צוויי פילגער,
אין די לאָגלען ווינט און אויף די ליפּן פּײַער.
איינער שטרעקט צום צווייטן זײַנע הייסע פינגער
און ביידנס טרערן קוועלן: דו ביסט מיר טײַער.

אַזוי דאָס ווינקען פון שטערן איבער כמאַרע,
איין שטערן זוכט דעם צווייטן אין זײַן באַזונדער.
און זע, ווי די אַלטינקע, די אַנטיקוואַרע
פון דאָס נײַ נאָך פינקלען מיט בראשית־ווונדער.

דאָס איז קראַפט פון ערשטער ליבשאַפט, פון איר געזאַנג
וואָס האָט איבער יאָרן דאָרשטיקע געווירן.
הײַנט זאָג איך אַ דאַנק
וואָס כ'האָב די ליבשאַפט נישט פאַרלוירן.

*

און אויב דו פרעגסט ווי אַלט איך בין —
פרעג אינעם געוועב די שפּין:
וואָס זי וויקלט אין אירע קנוילן.
פרעג בײַם ערשטן קוש אין ווייַ
וואָס וויל נישט אויפהערן צו ווילן.
פרעג אויך דעם זונטריף אין מײַן געזאַנג,
דעם הייסן רויט אויף מײַנע ליפּן.

ס'האָט נאָך מײַן שטערן נישט געצאַנקט
און דאָ אין פעלד מיט דער גרינסטער זאַנג
וועל איך אים פאַרקניפּן.

## בײַם ראָד פון קינדער

פונעם פּאַראַד פּאַר קרוין, צילינדער,
פון בליקן קאַלטע — אײַז און מעסער —
אַנטלויף איך גאָר צו שפּיל פון קינדער.
יאָ, כ'שפּיל מיט זיי ווײַל כ'בין נישט גרעסער...

דער פּסיכאָלאָג פּאָרשט מײַנע דאַטן
און טײַטלט שעלמיש: אינפאַנטילער.
איך בלײַב טרײַ מײַן חלומדיקן טאַטן —
ווי ער אַ דמיונדיקער שטילער

שוועב איך אויף מײַנע קאַרוסעלן,
גאָר ווײַט פון טומל פון יאַרידן.
ווײַל נאָר איינעם וויל איך געפעלן,
ווער ס'האָט באַפוילן: זינגען, לידן.

אויף מײַן געשפּיל קוקט ער אַצינדער
מיט טאַטע־אויגן, טרערן־שטערן.
ער שטייט אַצינד בײַם ראָד פון קינדער,
מײַן יונגן אָטעם וויל ער הערן.

און ביז די נאַכט וועט מיך פאַרהילן
דריי איך אין ראָד דעם מײַנע רינגען.
מײַן אַלט־און־יונג טו איך דאָ שפּילן
און דאָ מײַן ערשט־ליד וועל איך זינגען.

## דיַין יהי

נאָך ווידערט דיַין יהי, כ׳האָב אים ווען געהערט
אין אַ נאָך־שטומער וועלט, אין איר איידער־פּרי —
און שוין תּמיד, אויך אַ דומם אין דער ערד,
וועל איך הערן דיַין יהי!

אויך אויף דנאָ, אינעם ליים אַריַינגעקנאָטן,
אַריַינגעהויכט אינעם נעפּל אויפן ראַנד —
וועט נאָך צו דיר פּלאַטערן מיַין שאָטן:
באַקלייד מיך מיט דיַין זון־געוואַנט.

און מיט דער לעצטער רעשט פון מיַינע אַקסלען
וועל איך זיך ציִען צו דיַין ערשטער שטים: יהי!
צום אויפבלענד פון דער ערדס באַשיַינטע אַקסן —
צום ליכט פון דער פרי.

# אינהאַלט

## אין העלן קרײַז


* אַלץ . . . . . . . . . . . . . 9
די גאָב פון דער פרי . . . . . . . . 10
באַריר . . . . . . . . . . . . 11
העלער חוב . . . . . . . . . . . 12
דו׳ ערשטע . . . . . . . . . . . 13
זינגער־זויגלינג . . . . . . . . . . 14
שטאַפלען . . . . . . . . . . . 15
רגעס ליד . . . . . . . . . . . 16
דער רופא פון פעלדער . . . . . . . . 18
דער דעמב . . . . . . . . . . . 19
* אינעם ענגן געאָדער . . . . . . . . 20
פּאַר דײַן געמעל . . . . . . . . . . 21
* העכער פון אַלע רייד . . . . . . . . 22
אין שלמהס לאַנדשאַפט . . . . . . . . 23


## ערשטער אַלף


דאָ, אין פעלדנגרין . . . . . . . . . 27
ערשטער אַלף . . . . . . . . . . 28
די ווײַסע פאַרב . . . . . . . . . . 29
אויף גרינעם פאַרמעט . . . . . . . . 30
פון חרובן ברונעם . . . . . . . . . 32
טאָפלט . . . . . . . . . . . . 33
אויף יענע וועגן . . . . . . . . . . 34
די מתּנה פון אָפּשייד . . . . . . . . 35
* אויך אין כּפּירה . . . . . . . . . 38


## קרוין און שאָטן


דער וויכּוח . . . . . . . . . . . 41
פּאַר גליקעס צער . . . . . . . . . . 48
אַ דערמאָנונג פון רום און קאַטאָוועס . . . . 52
דעם ראַפּשיצערס שמייכל . . . . . . . . 55
די „הסכּמה“ פון אַכטן . . . . . . . . 60

## אַרום די טראָפּנס האָניק


* די רגע . . . . . . . . . . . . . 65
צווישן די סעזאָנען . . . . . . . . . . 66
בײַם טיש . . . . . . . . . . . . 68
עקזאַמען . . . . . . . . . . . . 69
אויף רויכנדיקער ערד . . . . . . . . . 70
דו ווײַ־דור . . . . . . . . . . . 71
אין דערקענען . . . . . . . . . . . 72
בײַ שויבן . . . . . . . . . . . . 73
פּאַר אומבאַקאַנטע . . . . . . . . . 75
דער פעלדז בײַם ים . . . . . . . . . 76
אַרום די טראָפּנס האָניק . . . . . . . . 78
טענות . . . . . . . . . . . . 81
מעטאַלענע שפּינען . . . . . . . . . 83
די פּשוטע ווערטער . . . . . . . . . 84
אין נאָענטן דזשונגל . . . . . . . . . 85
אַרום אונדזער וואָרט . . . . . . . . . 86
דו, אָרעם לשון . . . . . . . . . . 87


## צו איבערצײַט


* ווער נעמט צו . . . . . . . . . . . 91
גראָז־זאַנג־בוים . . . . . . . . . . 92
נביא . . . . . . . . . . . . . 93
בײַם ביג־בען . . . . . . . . . . . 94
אין דער ליקוי־חמה . . . . . . . . . 95
צו ברידער שרעטעלעך . . . . . . . . . 96
אין אַ צפתער נאַכט . . . . . . . . . 97
געדענקסטו, ירושלים . . . . . . . . . 98
אין שאָטן פון קאַרקאַוואַדאָ . . . . . . . . 100


## קאַבאַראַ


א. מיטן חסד פון טאָג . . . . . . . . . 109
ב. כ׳וועל הײַנט דערמאָנען . . . . . . . . 111
ג. בריוולעך . . . . . . . . . . . 112
ד. די בשׂמים פון קאַבאַראַ . . . . . . . . 113
ה. דער מעסטער . . . . . . . . . . 115
ו. דער זקן . . . . . . . . . . . 118
ז. דער דרײַלינג . . . . . . . . . . 120

ח. מיטן רייץ פון יאַסמין . . . . . . . . . 122
ט. צווישן רויך און פייַער . . . . . . . . . 126
י. טריט אויפן כּרמל . . . . . . . . . 130
יא. און עס פינקלען נאָך אַלץ די געצעלטן . . . . . . 132
יב. צו מייַן פרייַנד . . . . . . . . . 135
יג. מייַן יונגער שבט . . . . . . . . . 136

## בייַם אַלבאָם פון פּאָעטן

* צו די פאַרגעסענע קום . . . . . . . . . 141
ראָסעטיס באַהאַלטענע לידער
א. דייַן בת־שמים . . . . . . . . 142
ב. אין וואַנדל פון זומערליד . . . . . . . 143
ג. צו „פּאָר ראַפּאַעל" . . . . . . . . 148
צו אַלפאָנסינאַ סטאָרני — אַ שוועסטער אין דרום . . . . 149
זאָגט סערגיי . . . . . . . . . . 153
אַזוי איז דייַן וואָרט . . . . . . . . . 156
פרילינג אויף שׂדרות נאָרדוי . . . . . . . . 158
צו אייַך . . . . . . . . . . 160

## יאָרן

בייַם ציפערבלאַט פון יאָרן . . . . . . . . . 163
די בלאָנדע שוועסטער . . . . . . . . . 164
אין צווייען . . . . . . . . . . 167
בייַם ראָד פון קינדער . . . . . . . . . 168
דייַן י ה י . . . . . . . . . . 169

## ביכער פון אריה שמרי:

פּאָעטישע ווערק:

**ל״ו שירים על לייזר ציפרס**
עברית — אברהם שלונסקי
ציורים — יצחק פלגי (פולקביץ׳)
ספרית פועלים, 1939

**אין טויער פון טעג**
ספרית פועלים, 1947

**אין וואָכיקן ליכט**
ספרית פועלים, 1953

**אַ שטערן אין פעלד**
די גאָלדענע קייט, 1957

**די פונקען פון תּיקון**
צייכענונגען — בען
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960

**טריט אין גן־אָדם**
ספרית פועלים, 1965

**דאָס ייִנגל פון דיזשאָן**
צייכענונגען — יואב שועלי
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, 1968

**געזאַנגען אין שײַער**
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, 1970

**רינגען אין שטאַם**
צייכענונגען — בען
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, 1975

אַנטאָלאָגיעס:

**לא אמות כי אחיה**
דערציילונגען פון דער ייִדיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור
(רעדאַגירט צוזאַמען מיט דוד כּנעני)
ספרית פועלים, 1957

**וואָרצלען**
פּאָעזיע און פּראָזע פון ייִדיש־שאַפן אין ישראל
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, 1965

# פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווײַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון ווערן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַניק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור
מלכה חפץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מײַטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק, פּאָעמע
שלמה שטאָקפיש — אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה
ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען
חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אָרי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפּ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש
דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפּשטיין און ה. אינגער
מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס